# פון לעצטן חורבן

צייטשריפט פאַר געשיכטע פון יידישן לעבן בעתן נאַצי־רעזשים

רעדאַקטאָר:
**י. קאַפּלאַן**

אַרויסגעגעבן פון צענטראַ־
לער היסטאָרישער קאָמי־
סיע ביים צענטראַל קאָמי־
טעט פון די באַפרייטע
יידן אין דער אַמעריקאַ־
נער זאָנע.

Nr. 2

מינכען, סעפּטעמבער 1946.

# אינהאלט


| | |
|---|---|
| געווער אין ריגער געטאָ | י. קאַפּלאַן |
| לעבן און אומקום פון דובנער געטאָ | מ. ווייסבערג |
| ווייַנענדיקע קברים | א. ווייסבראָד |
| אַרבעטס־לאַגער מיעלעץ (גבית־עדות) | י. קאָס |
| נאַציש־ערנוואָרט | דר. מ. שאַטנער |
| אין טשענסטאָכאָווער געטאָ (בלעטלעך) | וו. גליקסמאַן |
| דאָס פאָלקס־מויל אין נאַצי־קלעם | י. קאַפּלאַן |
| לאָמיר שווייגן (געזונגענעם לאַגער־ליד) | |
| געטאָ־דירות (געזונגענעם געטאָ־ליד) | |
| 2 נאַצי־דאָקומענטן (מיט דערקלערונגען) | |
| בילדער פון דער נאַצי־צייט | |
| פון שארית־הפליטה פרעסע (אַרט קלען רשימה) | |
| סטטיקייטס־באַריכט | |
| כראָניק | |


---

**פון רעדאַקציע:**

די צוויי לידער זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע: לאָמיר שווייגן — דורך פרוי בעטי סעגאַל (ווילנע) געטאָ־דירות — דורך די קינדער שלום און מיכאַל קאַפּלאַן (קאָוונע).

---

צוליב טעכנישע סיבות זיינען מיר געצוווּנגען מיט דעם נומער צו ענדערן דעם פאָרמאַט פון זשורנאַל. דער אינהאַלט ווי אויך די ריכטליניען פון זשורנאַל בלייבן די זעלבע אויך ווייטער.


MARTYRS MEMORIAL AND
MUSEUM OF THE HOLOCAUST
6505 WILSHIRE BLVD. (852-1234)
LOS ANGELES, CA 90048

# פון לעצטן חורבן

צייטשריפט פאַר געשיכטע פון יידישן לעבן בעתן נאַצי־רעזשים
רעדאַקטאָר: י. קאַפּלאַן

*Nr. 2*

מינכען, סעפטעמבער 1946

י. קאַפּלאַן

## געוועזן אין ריגער געטאָ

ג. נייער פאַרמעסט און ווידער דורכפאַל

דער שבת פון 31־טן אָקטאָבער 1942 — ווען עס האָט זיך אין ריגער געטאָ אָפּגעשפּילט די טראַגעדיע פון צעשיסן די אָרדענונגס־מענער און דער־צו דאָס אַרויספירן פון 108 עלטערע מענטשן — דער טאָג האָט אַריינגע־בראַכט ווידער צערודערונג און אויך אַפּאַטיע צווישן די לעטישע יידן. אַ צו רירעווודיקער און געזעלשאַפטלעך־אַקטיווער טייל איז מיטאַמאָל פאַרשניטן געוואָרן. לאַנג האָט אָבער די מוטלאָזיקייט און יאוש־שטימונג זיך ניט געלאָזט שפּירן. אינזשענער אָווסיי אָקון, דער ערשטער איניציאַטאָר און נאָך אַנדערע מיטאַרבעטער פון דער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג, וועלכע האָבן ניט אָנגעהערט צום אָרדענונגס־דינסט און זיינען אויך ווייטער געבליבן אין געטאָ — אָט די אַלע האָבן איצט נאָך מער איבערגעבן און מיט מער אַנטשלאָסנקייט זיך געוואָרפן אין דער אַרבעט. עס האָבן שוין טאַקע געפעלט די טייערע בחורים פון אָרדענונגס־דינסט. ניט געווען מער פישער, אויך די פּאָליציי־אישע השגחה

פון דייטשן געטאָ איז געווען אַ האַרבע און אָפטמאָל אַפילו שאַרף־פיינדלעך — דאָס ווייטער אָבער זאַמלען געווער, פעסטער אָרגאַניזירן די באַוועגונג און פאַרבריי־טערן איר איז געגאַנגען אין פולן ברע.

אין געה־ימע קעמערלעך, יעדעס צו 10 מאַן, האָט זיך איצט די באַוועגונג איבעראָרגאַניזירט. די שיס־איבונגען זיינען ווייטער געגאַנגען. אין שטאָט האָבן זיך איינגעפונען נייע קוועלן אויף צו באַקומען געווער. עטלעכע קאָמאַנדעס האָבן זיך איבערגענומען דאָס אַריבערברענגען ס'געווער אין געטאָ. צוריקקערנדיק פון דער אַרבעט פלעגן די באַשטימטע מענטשן עס אַריינטראָגן טיילנווייז, פאַרשטעקט אין די שטיקער האָלץ. וואָס יעדער האָט מיטגעבראַכט צום הייצן. צווישן אַנדערע האָט אין דעם פיל מיטגעהאָלפן די קאָמאַנדע ה. פ. מ. (הערעס פאַרפלעגונגס־מאַגאַזין) מיט איר קאָלאָנעפירער, יוסף גלעזער. די זעלבע ה. פ. מ. און צו איר „לענטאַ" און נאָך עטלעכע „רייכע" קאָמאַנדעס האָבן צו דעם צוועק ביי־געשטייערט אויך פיל געלט.

דאָ איז אָבער געווען — ריגער געטאָ. צו שאַרף האָבן אייף דעם הייפל יידן געלויערט די קרימינעלע אויגן פון אַזאַ האַמעטנעם געשטאַפּאָ־אַפּאַראַט דאָ אין סאַמע צענטער פון גאַנצן אָסטלאַנד. ווידער האָט געדאַרפט וואָס פּאַסירן. און די מעשה געווער איז ווידעראַמאָל אויפגעשווומען און דאָסמאָל שוין אַרומגעכאַפּט אַ גאָר גרעסערן שטח — אַז ס'האָט ענדלעך אַרונטערגעשווענקט דאָס גאַנצע געטאָ.

ווי שוין אין פאָריקן קאַפּיטל דערמאָנט, איז ראָך געלונגען געציילטע אָרדענונגס־מענער זיך צו ראַטעווען ביים ליקווידירן דעם אָרדענונגס־דינסט פון די לעטישע יידן. עס איז אָבער ניט אַוועק קיין פּאָר חדשים ווי אין אַ דאָנערשטיק פאַרנאַכט איז אויף ווילאַנו גאַס, אין לעטישן געטאָ, אַרומגערינגלט געוואָרן דאָס גרויסע הויז נומער 14. פון גאַס האָבן שטרענג געהיט די אָרדענונגס־מענער פון דייטשן געטאָ און אין הויף אַריין האָבן זיך אין פולער באַוואָפענונג אַריינגעלאָזן דער קאָמענדאַנט קראַוזע מיט זיינע דייטשע געהילפן. דאָרט אין קעלערן־לאַבירינט האָבן זיי אין אַ פאַרשטעקטן ווינקל אויפגעזוכט דעם געוועזענעם רעזערוו־שעף פון דעם ליקווידירטן אָרדענונגס־דינסט דאַמסקין און באַלד אויף אָן אָרט האָט אים קראַוזע דערשאָסן. פון שבת דעם 31־טן אָקטאָבער האָט דאַמסקי זיך געהאַט אַלץ אויסבאַהאַלטן זיינע פריינט פון געטאָ, וועלכע האָבן געאַרבעט אין שטאָטישע קאָמאַנדעס האָבן פאַר אים געזוכט אַ באַהעלטעניש ביי אַ לעטישער פאַמיליע. די געשטאַפּאָ איז פון דעם געוווּר געוואָרן און דורך באַלדיקע אַרעסטן זיך דערגרונטעוועט ווו דאַמסקי געפינט זיך. אין עטלעכע טעג אַרום (מאָנטיק) זיינען פון דעם זעלבן קראַוזע עפנטלעך דערשאָסן געוואָרן אין געטאָ דריי פון דאַמסקיס פריינט, וועלכע האָבן עס פאַר אים געזאָרגט, אויסבאַהאַלטן און פאַרהאַנדלט מיט די לעטן. צוויי פון די זיינען געווען ווילי קאָהן און

שמעון מאַכטוס, געוועזענער זשורנאַליסט אין ריגער רוסישן „סעוואָרניאַ“.

קראַוזע איז געווען אַ מוראַדיקער סאַדיסט און טאַקע אויך אַ פסיכאָ־פאַט. נאָך ערגער איז אָבער געוואָרן די לאַגע, ווען מיט זיין צייטווייליקן אָפּפאָר האָט זיך אין געטאָ באַוויזן ווי אַ שטעלפאַרטרעטער פון אים דער אונטערשאַרפירער ראָשמאַן. לכתחילה האָבן זיך יידן געפרייט, וואָס דער איז נישט קיין משוגענער, שיינט צו זיין מיט מער בילדונג און ווייזט אַרויס אין פיל זאַכן אַפילו אַ יורידישן צוגאַנג. אָט די מער אינטעליגענץ און יוריספרודענץ ראָשמאַנס האָט זיך אָבער גאָר גיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ שרעקלעכן אומגליק. ראָשמאַן איז טאַקע ניט געווען אַזוי ווילד־איליק און לייז מיט די הענט און בראַונינג ווי קראַוזע, וועלכער האָט אויך דאַמסקין אָן קיין חקירה און דרישה אויף אַן אָרט דערשאָסן. דעם קרבן, וואָס פלעגט אַריינפאַלן צו ראָשמאַנען אין האַנט אַריין, האָט ער זיך ניט געאיילט באַלד צו ליקווידירן. ער האָט געהאַט צייט און געדולד, און די פאַרהאַלטענע יידן פלעגן ביז זייער טויט זיך גענוג נאָך אָנפּייניקן דורך זיינע קאַלטע, גרונטיקע און „סיסטעמאַטישע“ פאָרשונגען. איז טאַקע פאַר ראָשמאַנס דרך און פראַקטיק געווען ווי אָנגעמאָסטן דער נייער אַרעסט פון אַ צווייטן געוועזענעם אָרדענונגס־מאַן, וועלכער האָט זיך אויך בשעתו געראַטעוועט פון ווערן דערשאָסן — סאַשאַ איזראַאילאָוויץ.

ענדע ווינטער, אַ פרייטיק, האָבן געשטאַפּאָ־לייט אַרונטערגעבראַכט איזראַאילאָוויצן אין לעטישן געטאָ אַריין און אים צוגעפירט צו אַ הויף אויף גרוים־בערג גאַס, וו ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ שטיקל יידיקן פלאַץ, גלייך ביי צוגעטריבן געוואָרן יידן, וועלכע האָבן אויף דעם אָרט אויסגע־גראָבן אַ טיפע גרוב. יידיש פאַרמעגן איז דאָ געווען פאַרבאַהאַלטן. פון דעם פלאַץ האָבן די געשטאַפּאָ־לייט באַגלייט איזראַאילאָוויצן צו ווילאַנו גאַס. דאָ האָט ער זיי אין הויף נומער 18 אָנגעוויזן אַ פאַרמאַסקירטן בונקער, וואָס איז געווען שוין פון לענגער צוגעגרייט ווי אַ רעטונגס־אָרט פאַר אַ גרע־סערער גרופּע מענטשן. געשטאַפּאָ האָט דאָ געפונען פאַרבאַהאַלטענע פּראָ־וויאַנט פלעשער וואַסער, מאַטראַצן אד"גל. מער האָט זיי איזראַאילאָוויץ פאַר דעם טאָג דאָ ניט אָנגעוויזן און מער האָט אים שוין געטאָ ניט געזען. וואָס ער האָט דער געשטאַפּאָ ווייטער אַרויסגעגעבן, איז אין געטאָ ניט געווען גענוי באַקאַנט. עס האָט זיך אָבער באַלד אָנגעהויבן אַ קייט אַרעסטן, יעדע עטלעכע טעג פלעגן ווער, צוגענומען נייע מענטשן. און אַלץ כמעט פון די אָנגעהעריקע פון דער געווער־באַוועגונג. אין פאַרלויף פון געציילטע מאָנאַטן זיינען אַזוי פאַרשוווּנדן געוואָרן אין די הענט פון געשטאַפּאָ אַ גרעסערע צאָל פון די יינגערע און מער ענערגישע, צווישן זיי אויך וועלכע האָבן גאָר אַ סך געוווּסט און זיינען געווען אויסגעבונדן אין גאַנג פון דער גאַנצער באַוועגונג.

## ד. פינצטערער שבועות.

דינסטיק ערב שבועות, 8 יוני 1943, איז בעתן צוריקקומען מיט זיין עלעקטריקער־קאָמאַנדע פון דער אַרבעט פאַרהאַלטן געוואָרן ביים געטאָ־טויער דער ריגער בחור חיים פריידבערג. אָפפירנדיק אים צו דער קאָמאַנדאַנטור האָט ער זיך ביי דער וואַך פון אונטער די הענט אַרויסגעדרייט און אַנטלאָפן. די אָרדענונגס־מענער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ געיעג און זוכעניש, דער עיקר אין לעטישן געטאָ, און ניט געפונען דעם מענטשן. די לאַגע איז באַלד געוואָרן געשפּאַנט. די ערשטע גזירה איז געווען — שפּערע. מיט טונקל צוגלייך ניט אַרויסגיין פון די הייזער און אַ שטרענגער פאַרבאָט פאַר די לעטישע מענער צו אַריבערקומען אין די בלאָקן פון די פרויען און קינדער, ווי אויך אין דייטשן געטאָ, און פאַרקערט.[1]) אָט די גזירה ווי פלוצים ניט דערלאָזן מענער זיך זען מיט זייערע אייגענע פרויען און קינדער, ווי אויך דאָס פאַרבאָטן יידן פון איין טייל געטאָ קומען אויף דעם קירצסטן באַזוך צו זייער אָנגעהעריקע און פריינד אין צווייטן טייל (וואָס פאַר פיל מענטשן, וועלכע זיינען געווען אויך ווירטשאַפטלעך פאַרבונדן, האָט עס באַדייט הונגער) — דער אָ מנהג איז דאַן־לעצטנס שוין געווען אַן אָפט־געברויכטע סאַנקציע מצד דער קאָמאַנדאַנטור און האָט בעיקרשט געצילט אויף צושפּיצן די לאַגע און נאָך מער צו אָנזאַפּן די אַטמאָספערע מיט שוואַרצע פאָרויסזעענישן... ווי געזאָגט, איז עס אויסגעפאַלן גראָד צו יום־טוב.

אויף מאָרגן, מיטוואָך פרי, איז מיטן אונטערשריפט פון ראָשמאַן אַרויסגעהאָנגען געוואָרן אַ מעלדונג:

היות ווי צוליב דורכוים אַ נויטקן אויספאָרש־ענין פאָדערט זיך דער פאַרהער פון דעם לעטישן יידן פריידבערג, און דער באַהאַלט זיך אויס, ווערט געמעלדעט, אַז אויב ער וועט זיך ביז דאָנערשטיק 20 אַזייגער מעלדן פרייוויליק, וועט אים קיין זאַך ניט געשען און זיין פרייהייט ווערט אים גאַראַנטירט. אין קעגנפאַל ווערט ער פאַררעכנט ווי אַן אַנטלאָפענער און באַלד מיטן פאַרהאַלטן אים ווערט ער געהאָנגען. די זעלבע שטראָף דערוואַרט אויך די, וועלכע וועלן אים מיטהעלפן אין אויסבאַהאַלטן זיך.

וואָס שייך דער אָפיציעלער גאַראַנטיע מצד דער קאָמאַנדאַנטור אַז ביים מעלדן זיך פרייוויליק וועט דעם יידן גאָרנישט געשען, האָט שוין דאָס געטאָ געהאַט אַ דערפאַרונג פון אַ צווייטן פאַל מיט אייניקע חדשים צוריק. אַרום אָנהויב פרילינג, אַ פאַרנאַכט, האָבן ס.ס. לייט צוזאַמען מיט די דייטש־

---

[1]) פאַר ד' טעלעכע הונדערט ריגער ייִדישע פרויען און קינדער, וועלכע זיינען דורך פאַרשיידענע צופאַלן איבערגעבליבן פון דער גרויסער אַקציע, הערבסט 1941, ווי אויך פאַר די שפּעטער געבראַכטע — 42 .II .8 — קרוב 200 ייִדישע פרויען פון קאָוונע, איז אין ריגער געטאָ צווישן די גאַסן לודזאַס און ליקסנאַס אויסגעטיילט געוואָרן אַן אָפּגעשלאָסענער הייזער־בלאָק. דאָס באַזוכן דאָרט פלעגט זיין אונטער באַגרענעצונגען.

יידישע אָרדענונגס־מענער זיך אַ לאָז געטאָן איבער אַ בלאָק הייזער פון גרויס בערג גאַס און גענומען פון דאָרט אַרויסשלעפּן מענטשן. די אָרדענונגס־מענער האָבן פאַרזיכערט אַז דאָ האַנדלט זיך נאָר וועגן אַ קורצער אַרבעט און באַלד ווערן אַלע צוריקגעלאָזט. ביים יאַגד זיינען פון איין שטוב 4 יונגטלעכע אַרויסגעשפּרונגען און — ניט געוואָרן. דאָ איז ראָשמאַן ווי אַריין אין אַמביציע און ש'ין דווקא געוואָלט די בחורים זען... דער אָרדענונגס־דינסט איז גע־שטעלט געוואָרן אויף די פיס; פּעסט און לאַנג אַרומגעזוכט, אָבער אָן דער־פאָלג. דאַן איז געקומען אַן עפנטלעכע מעלדונג פון קאָמענדאַנט מיט אַ בפירושער גאַראַנטיע, אַז באם די 4 מעלדן זיך ביז אַ באַשטימטער שעה וועט זיי קיין זאַך ניט געשען און זיי בלייבן ווייטער פריי. די בחורים האָבן זיך געמעלדעט און מען האָט זיי טאַקע באַלד פריי געלאָזן. במשך אָבער פון עטלעכע וואָכן זיינען זיי אַרעסטירט געוואָרן און צוריק האָט מען זיי שוין אין געטאָ ניט געזען.[1]

קלאָר. אַז די אָפיציעלע גאַראַנטיע האָט שוין איצט גאָר ווייניק וועמען געקענט אַריינגעבן זיכערקייט. דער טאָג מיטוואָך איז פאַרביי. שוין דאָנער־שטיק פרי, און אָט שוין אויך נאָכמיטאָק. און דער געזוכטער פריידבערג איז ניטאָ. די פּראָוואָצירטע און „פאַרטרוילעכע" אָנצוהערעניש און די סתם קלאַנגען וועגן אַ באַלדיקער „אַקציע" שטיקן דאָס געטאָ ביז ווילדסטע פּאַניק און משוגעת...

פאַרנאַכט, טאַקע האַרט פאַר די אָנגעזאָגטע 20 אַזייגער האָט זיך פון ווו אויף ליקסנאַס גאַס באַוויזן אַ יונגערמאַן מיט אַ צונטער פנים. די אויגן צעגלאָצט און דער גאַנג וואַקלדיק אַזוי, אַז יעדע ווילע כאַפּט ער זיך אָנ־שפּאַרן צו אַ וואַנט. „אָט דאָס איז ער!.." — האָט אַ שוי ער אַרומגענומען די מענטשן אַרום. מיטן אויגפינטל זיינען צו אים צוגעשפּרונגען אַ פּאָר אָרדענונגס־לייט. אים אַ כאַפּ געטאָן אונטער די אָרעמס און אָפּגעפירט אין קאָמענדאַנטור. פריידבערג האָט שוין געהאַט אַריינגענומען סם.

פון קאָמענדאַנטור האָבן זיך באַלד אַרויסגעלאָזן שטאַפּעטן צום אויפזוכן און ברענגען דעם דר. יאָזעף, אַ דייטש־יידישער עמיגראַנט און פּאָפּולערער גינעקאָלאָג אין געטאָ. צו אים האָט ראָשמאַן געהאַט אַ געוויסן צוטרוי און פון אים האָט ער גלייך ביים דערשיינען געפאָדערט ניט צו לאָזן „פאַר קיין פאַל שטאַרבן דעם באַנדיט!" דעם דר. יאָזעף איז געלונגען צו אַרויספּאָמפּען פון בחור די סם. פון שטאָט האָבן זיך מיט ווילדער געשווינדקייט אָנגעהויבן טראָגן אין געטאָ אַריין געשטאַפּאָ־פונקציאָנערן. די אויספאָרשונג אין קאָמענ־

[1] וועגן די 4 בחורים ווערט אנב איבערגעגעבן — פון דעם ר'גער אליעזר קאַרשטאַט — אַז זיי האָבן געהאַט אַ גאָר גאָענטע שייכות צו דער באַוועגונג און זיינען אַפילו געווען די אָנגע־טרויטע איבערן געווער־לאַגער. דער גאַנצער יאַגד אין יענעם דאָנערשטיק אָוונט איז פאָרגעקומען נאָר צוליב זיי. נאָכן ארעסט האָבן זיי זיך מוטיק געהאַלטן אין געשטאַפּאָ און מיט קיין וואָרט ניט פאַראַטן.

דאַנטור איז קאָנטיק אַוועק אין פולן ברען. פון די יידישע הייזער אַרום האָט מען דורך שפּאַרונעס אַרויסגעקוקט און מיט צעשפּרונגענע הערצער געפילט בחוש, אַז עפּעס אַ גאָר ערנסטע אָפּעראַציע איבערן גאַנצן געטאָ ווערט דאָרט הינטער די ווענט געמאַכט...

פרייטיק פאַרטאָג, 11.6.43, האָט זיך פון קאָמענדאַנטור אַרויסגעלאָזט אַ ריי אויטאָס צום ווינקל ווילאַנו און גרויס־בערג ואַס און גלייך אַרומגעשטעלט מיט אַ מערדעריש־שטרענגער וואַך דאָס הויז פון ווילאַנו 19. דאָרט אונטער אַ הילצערן הייזל האָט זיך געפונען דער געהיימער געווער־בונקער פון לעטישן געטאָ!.. די איינוווינער פון בונקער־הייזל זיינען געוואָרן שרעקלעך צעשלאָגן און אַרעסטירט. אויך אָווסיי אָקון איז פון זיין וווינונג צוגענומען געוואָרן. אָפּפירנדיק אים אין געשטאַפּאָ זאָל ער האָבן ראָשמאַנען פאַרווונדעט מיט אַ מעסער אין קאָפּ. ראָשמאַן איז טאַקע נאָכדעם געגאַנגען פאַרבאַנדאַזשירט.

דעם גאַנצן פרימאָרגן און אַ שטיק טאָג האָט מען געסאָרטירט און אַרויסגעפירט דאָס געווער פון בונקער. ס. ס. האָט פּאַטרולירט איבער אַלע ווינקעלעך. די כמאַרע איבערן געטאָ און באַזונדערש אין לעטישן טייל, איז געוואַקסן פון מינוט. שוין אָן אָנצוהערענישן און „בייזע קלאַנגען" איז דאָס־מאָל יעדערן געווען קלאָר, אַז גלאַט וועט די זאַך נישט פאַרביי. פאַרנאַכט ביי קבלת־שבת האָבן פרומע יידן בציבור געזאָגט ווידוי...

שפּעטער אינאָוונט איז פון קאָמענדאַנטור אַרויסגעקומען לייזער, דער געטאָ־עלטסטער, האָט זיך פאַרקערעוועט צום לעטישן געטאָ און דאָ געלאָזט באַלד צונויפרופן די אַלע הויזוועכטערס. אין נאָמען פון קאָמענדאַנט האָט ער זיי באַפוילן צו מעלדן די אלע יידן אַז „קיין אַקציע וועט נישט זיין". און מאָרגן, ווי יעדן טאָג, מוז יעדער איינער גיין צו דער אַרבעט. די שטימונג אין געטאָ האָט זיך מיט דער מינוט געביטן, כאָטש אויך נישט ווייניק האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָ קען גיין נאָר אין אַ נרחה. מ׳האָט אייך גערעדט, אַז אַ ראַפּאָרט פון געשטאַפּאָ גייט אַוועק קיין בערלין און ביז אַן אינסטרוקציע וועלן דאָ נישט אָנגענומען ווערן קיין „באַזונדערע שריט"... אָבער אויך די שוואַרצזעער האָבן פריי אָפּגעאָטעמט דיה לצרה בשעתה!

דערביי איז צו באַמערקן, אַז גראָד אין יענע טעג האָט זיך אין וואַרשעווער געטאָ נאָך געראַכערט פון יידישן אויפשטאַנד. די יידן אין ריגער געטאָ האָבן דורך פאַרשיידענע וועגן אויך געוווּסט פון דעם.

ה. מאַסן־אַרעסטן און פאַרניכטונג.

עטלעכע וואָכן זיינען פון אָט דעם פרייטיק פאַרביי. צרות נייע און פרישע זאָרגן האָבן קיינמאָל אין אַ געטאָ נישט געפעלט. פון דער אַנדער זייט – געוויס נישט אָן אַ הינטער־כוונה – האָבן געגומען צירקולירן באַרואיקנדיקע און אַפילו גוטע קלאַנגען וועגן דעם געטאָ און בכלל – מכוח

א מער גינסטיקער ווענדונג אין ווייטערדיקן גורל פון די יידן. איז שוין די מעשה געווער געוואָרן ווי פאַרגעסן.

געשטאַפּאָ האָט אָבער די זאַך שוין גאָרניט אַרויסגעלאָזט פון קאָפּ. דאָסמאָל האָט זי אָפּנים באַשלאָסן זיך שוין ניט צו באַגנוגענען ווייטער מיט איינצל־אַרעסטן, נאָר מיט איינמאָל ליקווידירן די גאַנצע געווער־באַוועגונג. אין שטילסטן געהיים האָבן די ס. ס. אויסגעשפּונען אַ גאָר גרויסע רשימה מיט די גענויסטע ידיעות וועגן אַ גאַנצער ריי אָנטיילנעמער אין דער באַוועגונג און מיט גרויס געשיקטקייט און אינגאַנצן אומגעריכט פאַר די יידן זיך גענומען צו דער אַרבעט. אָן אַ וועלכן אָפּיציעלן אויסרייד איז אַ פרייטיק פאַרנאַכט, דעם 25־טן יוני 1943. ווידער אין אַ נאָווינע אין געטאָ געמעלדעט געוואָרן שפּערע. די מקורבים פון קאָמענדאַנט, ווי פיל פון די דייטש־יידישע אָרדענונגס־מענער, האָבן פאַרטרוילעך איבערגעגעבן אין נאָמען פון די „העכערע ספערן", אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן היגיעניש־סאַניטאַרע מאָטיוון. און די גאַנצע שפּערע איז אַ פאָרמעלע געשיכטע נאָר פון עטלעכע טעג. די שפּערע איז אָבער גראָד געווען אַ האַרבע און צוליב די אָפּטע קאָנטראָלן איבער דעם דורכפירן די שפּערע. איז דאָס גאַנצע געטאָ געוואָרן שטרענגער באַוואַכט. מאָנטיק 28־טן יוני, אַרום 9 פרי. ווען די קאָמאַנדעס זיינען שוין געווען אַרויס צו דער אַרבעט אין שטאָט, האָט זיך אַ גרעסערע גרופּע אָרדענונגס־מענער אַריינגעלאָזט אין „טעכנישן דינסט" פון לעטיש׳ געטאָ און דאָרט אַרעסטירט דעם אינזשענער און פערדאַנאָג אליהו לאַט. דעם שלאָסער באָטווינקין און דעם שמיד הירש זאַגאָוואַלאָוו. אַ צווייטע גרופּע אָרדענונגס־מענער האָט אין דערבייאיקן געווערבע־דינסט צוגענומען דעם שוסטער הירש קאָצין און נאָך אַ שוסטער (די ביידע שוסטער, ווי אויך דער שמיד, זיינען געווען פון ליטע). די אָרדענונגס־מענער האָבן די אַרעסטירטע פאַרבונדן פעסט די הענט אויף הינטן און זיי אָפּגעפירט אין קאָמענדאַנטור. דאָרט איז שוין געשטאַנען גרייט אַן אַרעסטאַנטן־אויטאָ פון געשטאַפּאָ, וואָס האָט אונטער אַ שטרענגער ס.ס.־וואַך אָפּגעפירט די יידן אין שטאָט אַריין.

אינזעלבן מאָנטיק פרי האָבן געשטאַפּאָ־לייט בראש מיט ראָשמאַן און די איבעריקע מענטשן פון קאָמענדאַנטור זיך געלאָזן אין שטאָט איבער די אַרבעטס־פלעצער, וו עס האָבן זיך דאַן געפונען די אָנגעמערקטע יידן פון די רשימות. ווי פיל קאָמאַנדע־אַרבעטער האָבן נאָכדעם דערציילט, זיינען די געשטאַפּאָ־העלדן געווען ממש אין שרעק ביי זייער קומען אַרעסטירן די איינצלנע יידן. יעדער פון זיי פלעגט שטיין פונדערווייטן מיט אָנגעשטעלטע 2 רעוואָלווערן און דער יידישער קאָלאָנען־פירער אָדער אַרישער אויפזעער האָט געמוזט דעם געפאָדערטן מענטשן באַטאַפּן און אַדורכטרייסלען. דאַן ערשט האָט דער מענטש זיך געמוזט נענטערן לאַנגזאַם און מיט אויפגעהויבענע הענט.

אין געטאָ ווידער האָבן דעם גאַנצן טאָג ענערגיש געאַרבעט די

אָרדענונגס־מענער. לויט אַ ליסטע פון די אַלע אַרעסטירטע זיינען זיי אַרומ־געגאַנגען איבער די וווינונגען זייערע און פאַרחתמעט די טירן, וואָרנענדיק דערביי די אַלע אַרומיקע מיט דער העכסטער שטראָף פאַר יערע באַרירונג. ביי אָט דעם פאַרזיגלען זיינען פאַרלאָפן 2 פאַלן, וואָס קענען כאַראַקטערי־זירן דעם גייסט פון דעם דייטש־יידישן אָרדענונגס־מאַן. ווען פון „טעכנישן דינסט" איז צוגענומען געוואָרן באָטווינקין, איז באַלד געלאָפן אַ חבר זיינער. עליאשעוויץ. אויך אַ שלאָסער, צו יענעם אין וווינונג און דאָרט אָנגעהויבן „אויפרוימען". אינמיטן דעם איז גראָד אָנגעקומען דער עלטסטער פון „אָרדענונגס־דינסט" פראַנקענבערג מיט אַ פּאָר פון זיינע געהילפן צום פאַרחתמענען די וווינונג. פראַנקענבערג האָט באַלד אויפן אָרט אַרעסטירט עליאשעוויצן און אים איבערגעגעבן דעם קאָמענדאַנט. זיין גורל איז שוין געווען דערזעלבער ווי פון די איבעריקע קרבנות אין דעם טאָג. – אָבער אויך אין אַ צווייטער וווינונג האָט אַן אַנדער גרופּע פון זעלבן אָרדענונגס־דינסט אָנגעטראָפן אַ יידן „זיך פורקענדיק". די האָבן נאָר געגעבן אַ ברום: „פערשווינדע!"...

ערשט פאַרנאַכט, ווען די קאָמאַנדעס האָבן זיך צוריקגעקערט אין געטאָ, האָט מען זיך דערוווּסט די „גרוס" און שוין געקענט מאַכן אַ שטיקל סך הכול פון טאָג: ביי 185 אַרעסטירטע געווען, אינזעלבן פאַרנאַכט איז אויך אַרונ־טער־גענומען געוואָרן די שפּערע; פריי די באַוועגונג איבער אַלע טיילן פון געטאָ. פאַר אַלעמען איז שוין איצט געווען קלאָר דער „סאַניטאַרער" מיין פון די דריי טעג שפּערע: די יידן זאָלן „ניט אויפפאַלנד" זיין נאָך שטרענ־גער באַוואַכט ערב דער אַקציע און דאָס ענגע געטאָ זאָל נאָך זיין צעקאַרבט אין פעסט־אָפּגעשלאָסענע שניטי, טאָמער אַמאָל אַ ווירערשטאַנד. אָדער אַ פרווו צו אַנטלויפן אָדער פאַרשטעקן זיך ווו...

אויף מאָרגן, דינסטיק, האָט זיך די זעלבע געשטאַפּאָ־עקספּעדיציע געלאָזט אין די לעטישע פּראָווינץ צו די טאָרף־קאָמאַנדעס וואָס פלעגן פון ריגער געטאָ אַרויסגעשיקט ווערן אויפן זומער־סעזאָן. דאָרט זיינען ווידער צונויפגענומען געוואָרן ביי 100 פּערזאָן. איין ייד פון די אָנגעמערקטע אין די געשטאַפּאָ־רשימות האָט געאַרבעט אין אַ דעזינפעקציע־קאָמאַנדע. וואָס פלעגט אַרומוואַנדערן אין פאַרשיידענע ערטער און האָט זיך דאַן געפונען ווייט אין עסטלאַנד. אויך אַהין איז אַרויסגעפאָרן אַ געשטאַפּאָ־אַגענט צו אַרונטערברענגען דעם יידן.

פון ריגער געטאָ איז ווידעראַמאָל אַוועקגענומען געוואָרן דער לעבע־דיקסטער און רירעווידיקסטער טייל אַלץ די ייִנגערע, איבערגעבנסטע און די מער אַקטיווע, קיינעם פון די האָט מען שוין מער ניט געזען אויף דער פריי. יידן וועלכע זיינען צוליב אַנדערע חטאים ארייַנגעפאַלן אין ריגער טורמע און זיינען נאָכדעם פון דאָרט אויך ארויסגעלאָזט געוואָרן, האָבן דערציילט,

אַז אַ טייל פון די געווער־אַרעסטירטע האָט זיך נאָך געמאַטערט אין אומ־
דערבאַרעמלעכן הונגער ביז אין פרילינג 1944. דאַן זיינען די מער פעסטערע
רעקרוטירט געוואָרן אין די „זאָנדער־קאָמאַנדעס" צום אויפגראָבן די מאַסן־
קברים פון די דערמאָרדעטע יידן און פאַרברענען די קערפּערס. פון אַזוינע
קאָמאַנדעס פלעגט שוין כמעט קיינער ניט אַרויסקומען אַ לעבעדיקער.

דער ריגער יוסף שיין. וועלכער איז אַרום פעברואַר 1944 אויף אַ
קורצער צייט אַריינגעפאַלן און געזעסן צוזאַמען מיט די געווער־אַרעסטירטע,
ווייס צו דערציילן, אַז איזראַאילאָוויץ איז אויך געווען צוזאַמען מיט דער
גרופּע און אַז די יידן גופא האָבן מיט אים דאָרט „פאַרענדיקט".

## ו. געטאָ־ליקווידאַציע.

ביי דריי פערטל יאָר האָבן אָנגעהאַלטן די סאַנקציעס קעגן די דירעקט־
באַשולדיקטע אין דער געווער־באַוועגונג. איצט נעמט קומען די ווייטערדיקע
ריי. און דאָ פיגורירט שוין — דאָס גאַנצע ריגער געטאָ.

לויט אַן אינסטרוקציע פון בערלין האָט געשטאַפּאָ פון מיטן יולי 1943
אָנגעהויבן אַרויסשיקן אַלץ גרעסערע פּאַרטיעס יידן פון ריגער געטאָ אין
לאַגער פון קייזערוואַלד (אַ פאָרשטאָט פון ריגע), וואָס האָט זיך פון איצט
גענומען פונאַנדערבויען ווי אַ צענטראַלער קאַצעט פאַר די יידן אין באַלטי־
קום. דער לאַגער־פירער איז דאָ געווען אַן אָבערשטורמבאַנפירער, אָדער
מאַיאָר. זאַוער. ביי אַ צענדליק מיטגעבראַכטע דייטשע שווער־פאַרברעכער
זינען געווען די בלאָק־עלטסטע און אויבער־קאַפּאָס, און צו זיי נאָך אַ באַנ־
דע אויסגעדרעסירטע פּוילישע און אוקראַינישע העפטלינגע ווי געהילפן. אָט די
אַלע האָבן זיך באַזונדער אין דער ערשטער צייט, אַרויפגעוואָרפן אויף די
אָנגעקומענע יידן מיט אַזוינע ווילדע פייניקונגען און שיקאַנעס, וואָס זיינען
געווען אַ זעלטנקייט אַפילו אין די „באַרימטסטע" קאַצעטן. די פינצטערע
גרוסן פון קייזערוואַלד האָבן אַריינגעבראַכט אַ מוראדיקע פּאַניק צווישן די
נאָך איבערגעבליבענע יידן אין געטאָ, וואָס דערזועלבער קאַצעט האָט אויף
זיי געלויערט און פלעגט יעדע וואָך אויפשלינגען פון זיי אַלץ אַ גרעסערע
צאָל מענטשן. פיל האָבן גענומען לויפן פון געטאָ, כאָטש בכלל איז ריגע
מיט איר שאַרף־אַנטיסעמיטישער באַפעלקערונג ווייט ניט געווען קיין
גינסטיקער אָרט פאַר אַ יידן צום אויסבאַהאַלטן זיך און דערצו האָט נאָך
יעדער איינער געוווּסט, אַז זיין אַנטלויפן קען קאָסטן דאָס לעבן פון אַנדערע
יידן אַלס ערבים.

דאַן, אַרום אָנהויב אויגוסט אין אַ פאַרנאַכט, איז גאַנץ געטאָ צונויפ־
געטריבן געוואָרן אויף אַן אָפענעם פּלאַץ, וווּ דער געטאָ־עלטסטער מאַקס
לייזער האָט „אויף גרונד דער אַנרעגונג פאָן הערן קאָמענדאַנטען" זיך
באַמיט צו אויפקלערן דעם עולם עטוואָס פון דער לאַגע. ווי ווייט די מאַכט־

אָרגאַנגען זיינען פריינדלעך געווען אים „ווינקע צו געבען", איז ער „פאַרנאַכלאַסט צו גלויבן". אַז נאָך דער אויפדעקונג פון געיווער־לאַגער דאָ אין ריגע באַשטייען ניט מער קיין אויסזיכטן פאַר דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון געטאָס. אַלזאָ, קייזערוואַלד איז דער אומפאַרמיידלעכער וועג פון די יידן, דאָ אָבער, ווי ער איז ווידער פאַראַנלאַסט צו גלויבן, וועט קייזערוואלד בלייבן נאָר ווי אַ צענטער, אַן איבערגאַנגס־לאַגער. גאָר גיך וועלן די יידן פון דאָרט פאַרטיילט ווערן איבער אַנדערע פיל בעסערע און באַקוועמערע ערטער. אָבער דער פחד פאַר קייזערוואַלד גופא איז אויך אַן איבערטריבענער. ווי דער הער קאָמאַנדאַנט איז גענייגט צו גלויבן, וועט זיך אייך דאָרט גאָר שנעל נאָרמירן די לאַגע. און וואָס ש״יך דעם אַנטלויפן פון געטאָ, האָט אים דער קאָמענדאַנט באַפוילן צו מעלדן, אַז פאַר יעדן אַנטלאָפענעם וועלן פון היינט אָן גענומען ווערן גאַנצע 3 אַנ־ערע יידן!..

לייזערס רעדע האָט טאַקע גאָר אָפן אויפגעקלערט די לאַגע. דאָס לויפן אָבער פון געטאָ האָט אויך ווייטער אָנגעהאַלטן; וואָס אמת, שוין אין אַ קלענערער מאָס. געשטאַפּאָ פון איר זייט האָט, פאַרשטייט זיך, ביי יעדן פאַל „איינגעקאַסירט" אירע דריי יידן. צו פיל געהאַלטן וואָרט האָט זי אָבער ניט. אין זיין רעויע האָט לייזער אין נאָמען פון קאָמענדאַנט געמעלדעט בפירוש אַז די 3 יידן פאַר יעדן אַנטלאָפענעם וועלן גענומען ווערן „פון היינט אָן", אַלזאָ נאָר פון דעם „קונדגעבונג"־טאָג. אין אָנהויב אויגוסט וואָס אַזוי איז עס לכתחילה טאַקע געשען. נאָר אָט אין צווייטן העלפט אָקטאָבער האָט זיך געשטאַפּאָ ארומגעזען, אַז די צאָל צונויפגענומענע יידן שטימט עפעס ניט אין חשבון לגבי די אַנטלאָפענע. דער קאָמענדאַנט האָט ראַן געמעלדעט דעם געטאָ־עלטסטן, אַז אין דעם באַפעל וועגן אנטלאָפענע יידן האָט זיך געלאָזט מערקן אַ געוויסע ניט־ריכטיקע „אויספּאַסונג". דער באַפעל איז אין קראַפט שוין פון לענגער נאָך פריער ווי אַיוגוסט. אַלזאָ מוז דאָס געטאָ אליין „אָרויעננגסהאַלבער" סילוקן נאָך 28 יידן... אַזוי זוי די אַלע אַנטלאָפענע האָבן געשטאַמט פון דער גרופּע $L$ איז עס דעריבער געפאַלן אויפן לעטישן טייל געטאָ צו אַרויסגעבן אָט די געפאָדערטע צאָל. אין ריגע איז עס געווען דער ערשטער פאַל. ווען יידן זיינען געווען געצוווּנגען מיט זייערע איי‍גענע הענט צו אויסוויילן קרבנות צום זיכערן טויט. די לעטיש־יידישע אָנפירער האָבן ארויסגעגעבן די 28 מענטשן. אַ טייל זיינען עס געווען עלטערע (ווי זעליקסאָן, 73 יאָר, אַ געוועזענער מעקלער פון הייזער; זעליאָנקער, אַ געוו. סוחר א.א.) און אַ טייל פון די קראַנקע אין געטאָ־שפּיטאָל.

דאָס אויסוויילן אַליין די קרבנות האָבן די יידישע עסקנים געוויינלעך באַרעכטיקט מיטן וועלן אויסשפּאַרהיטן דאָס געטאָ פון נאָך ערגערע רעזול־טאַטן. אָבער אַז די מעשה איז געווען נאָר אַ בייז־צוגעטראַכטע קאָמעדיע

מצד דער געשטאַפּאָ צו אַ שפּיל טאָן זיך ווידעראַמאָל מיט די יידן — אָט דאָס זיינען די עסקנים געוויר געוואָרן טאַקע באַלד, ווען אָנשטאָט די אַרויסגעגעבענע עלטערע און קראַנקע מענטשן איז צוריק אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ קליינע צאָל יינגערע און געזונטע, וועלכע זיינען געזעסן אַרעסט״רט פאַר לייכטע חטאים. ווי ווייט אָבער די גאַנצע זאַך מיטן „ניט גלייכן חשבון״ האָט דאָ געקענט שטימען — דאָס האָבן שוין אַלע אין געטאָ געוווסט אין געציילטע טעג אַרום. —

דעם צווייטן נאָוועמבער 1943 פאַרט טאָק זיינען אוקראַינער און אַנדערע רוסישע פרייוויליקע („וולאַסאָווצעס״) אונטערן אָנפיר פון געשטאַפּאָ באַפאַלן דאָס געטאָ מיט ווילדער אַכזריות. אַרויסגעיאָגט אַלעמען פון די הייזער און אַרויסגעפירט די אַלע עלטערע מענטשן, קראַנקע פון שפּיטאָל און פון די בעטן, שוואַך־אויסזעענדיקע און די אלע קינדער ביז אַ יאָר 16 צוזאַמען מיט זייערע מאַמעס. וועלכע זיינען טאַקע מיטגעגאַנגען איינגעקלאַמערט אין די קינדער. אויך ניט ווייניק מענער. וועלכע זיינען צופעליק דעם טאָג ניט געווען אין אויסן־קאָמאַנדעס און בייגעווען דאָ, האָבן זיך געריסן צום מיטגיין און זיך טיילן מיטן גורל פון זייעריקע. עס האָט אָבער אויך פּאַסירט, אַז איינע אַ פרוי נ., די עלטסטע פון אָרדענונגס־דינסט אין לעטישן פרויען־געטאָ, האָט איר ניט געראָטן אין קריפּלדיק 3־יאָריקן קינד אויף שנעל אַריינגעגעבן אַ טויט־איניעקציע און דערמיט פאַרשפּאָרט דעם אומגליקלעכן קינד הוספהדיקע ליידן און זי גופא איז אויסגעבליבן פון דער אַקציע.

צווישן די העכערע געשטאַפּאָ־פאָרשטייער איז ביי דער אקציע בייגעווען דר. לאַנגע דער קאָמאַנדיר פון זיכערהייטס־דינסט (ס.ד.) פּאָליציי און הויפּט־אויטאָריטעט פאַר ראַסן־ענינים אין אָסטלאַנד. צו אַ גרופּע עלטערע און שוואַכע יידן, וועמעס לאַנגזאַם מאַרשירן איז ניט געפעלן געוואָרן לאַנגען האָט ער צוגעשריען:

— שנעלער, שנעלער קיין פּאַלעסטינע! היינט איז דאָך דער טאָג פון אייער באַלפור־דעקלאַראַציע!..

פון די אַנדערע העכערע געשטאַפּאָ פונקציאָנערן, שוין ניט אַזוינע לומדים אין יידישע געשיכטע ווי דר. לאַנגע, איז צו די געיאָגטע יידן אויף ווילאַנו גאַס געפאַלן אַ געבריל:

— פאַרגעסט ניט וואַרפן אַ לעצטן בליק אויף אייער געווער־לאַגער!..

די אַלע יידן האָט מען אַריינגעוואָרפן אין וואַגאָנעס און אָפּגעפירט אין ריכטונג פון פוילן. לויט אַ שפּעטערדיקער ידיעה איז דער טראַנספּאָרט אַוועק קיין טרעבלינקע. דאָרט זיינען זיי אַלע באַלד. פאַרניכטעט געוואָרן. אויסער 10 מאַן. צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אויך דער באַקאַנטער וויאָלינסט פּראָפעסאָר מעץ. אָבער אויך פון אים איז מער ניט צו הערן.

ביי 2300 נפשות זיינען דעם טאָג אַרויסגעפירט געוואָרן. אַ חורבן האָט

די אַקציע אָנגעמאַכט באַזונדערש אין דייטשן געטאָ, ווו עס האָבן נאָך ביז אַהער געלעבט גאַנצע פאַמיליעס. דער 2־טער נאָוועמבער 1943 איז פאַקטיש דער ליקווידאַציע־טאָג פון ריגער געטאָ. נאָך דער אַקציע זיינען דאָ געבליבן נאָר שיטערע הייפלעך יידן, וועלכע זיינען אין גרעסערע פאַרטיעס במשך פון עטלעכע וואָכן אריבערגעפירט געוואָרן אין קייזערוואַלד אָ־ער אין די אויסן־לאַגערן פון אָט דעם צענטער.

פאַרן ארויספירן די לעצטע רעשטלעך פון ריגער לעטישן געטאָ איז אין נאָוועמבער מאָרגן געפונען געוואָרן דערשטיקט אין אַ קעלער מאַקס וואַנד דער געוועזענער שעף אָדער עלטסטער פון לעטישן קאָזערנירונגס־לאַגער. מען האָט בשעתו פיל גערעדט און נאָכמער איז עס היינט די דאָמינירנדיקע מיינונג, אַז דעם אַקט האָבן דורכגעפירט אייגענע יידן אויפן חשבון פון זיין האַלטונג דעם 31־טן אָקטאָבער 1942 ביים דערשיסן די אָרדענונגס־מענער וואָס האָט מיטגעבראַכט דעם גאַנצן ווייטערדיקן אומגליק. די האַנט פון נקמה האָט אויך דערגרייכט די ביידע אָנפירער פון דעם דייטש־יידישן אָרדענונגס־דינסט האַר און פראַנקענבערג. דער ערשטער איז אין קאַצעט קייזערוואַלד אויך אין נאָוועמבער 1943 אריינגעוואָרפן געוואָרן אין גרוב פון די קלאָזעטן און דאָרט געפונען זיין טויט. דער צווייטער איז אין אַ יאָר ארום פון קאַצעטלער דערמאָרדעט געוואָרן אין קאַצעט בוכענוואַלד.

ווי שוין דערמאָנט, איז קייזערוואַלד באַלד נאָך דעם אַנטדעקן פון געווער־לאַגער געוואָרן באַשטימט פאַר אַ צענטראַל־קאַצעט פאַר די יידן פון באַלטיקום. אַהער האָבן עס באַדאַרפט ווערן קאָנצענטרירט די אַלע אַרבעטס־יידן פון די נאָך־עקזיסטירנדיקע געטאָס אין אָסטלאַנד. פון יולי 1943 האָט זיך טאַקע דאָ אָנגעהויבן אַ העפטיקער בוי פון נייע באַראַקעס. אַ חוץ די כסדרדיקע פאַרטיעס יידן פון ריגע זיינען די נאַכט פון שבת אויף זונטיק 26־טן סעפטעמבער 1943. געקומען אַהער אין אָנגעפאַקטע וואַגאָנעס די רעשטלעך פון ליקווידירטן געטאָ אין ווילנע. די נאַכט פון פרייטיק אויף שבת יום־כפור, 9 אָקטאָבער, זיינען געבראַכט געוואָרן אַהער אַלע יידן פון ליבויער געטאָ (ביי 900) און די נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פרייטיק צווייטן טאָג סוכות 15 אָקטאָבער, זיינען שוין דאָ אייך געווען דאָס ביסל יידן פון דווינסקער געטאָ (ביי 350). אין 2־טן העלפט אָקטאָבער האָט זיך קייזער־וואַלד יערן טאָג געריכט און שוין צוגעגרייט „פלאַץ“ פאַר די לעצטע צוויי נאָך ניט ליקווידירטע געטאָס פון באַלטיקום – קאָוונע און שאַוול. פאַר אָט די צוויי ליטווישע געטאָס איז פון וואַנען דאָך בייגעשטאַנען עפּעס אַ זכות, אַז זייער ליקווידאַציע האָט זיך פאַרצויגן אויף נאָך גאַנצע דרייפערטל יאָר.

ביז יולי 1944, ווען דער סאָוויעטישער פראָנט האָט זיך גענומען שטאַרק דערנענטערן. דאַן זיינען די יידן פון קאָוונע און שאַוול שוין ניט אַריינגעפאַלן אין קייזערוויאַלד. נאָר די צוריקצ׳ענדיקע ס. ס. האָבן זיי פאַרשלעפּט קיין מערב. אַלץ טיפער אין דייטשלאַנד.

---

ריגע — אַ שטאָט ניט פון אַמאָליקן תחום המושב; יידן דאָרט געווען פון די אַלט־פּריווילעגירטע, קורלענדישע ניט ווייניק אויך אַסימילירטע; בכלל מענטשן שוין ווייטלעך פון דעם טיפּישן „רעזערוואַט־ייד". און דאָך האָט דאָס ניט גרויסע ריגער געטאָ זיך פאַרמאָסטן אויף אַ הייך נאַציאָנאַלן טאַט אייף רעוואָלט אין אַ גרויסן מאַסשטאַב. די מי און איבערגעבנסטע אָנשטרענגונגען זיינען טאַקע ניט געלונגען. יונגע לעבנס זיינען צוליב דעם אַזוי גרויזאַם פאַרשניטן געוואָרן — אָבער ניט זייער אָנדענק. דאָס געטאָ און צו ריגע נאָך געטאָס זיינען אפשר נאָר דערפאַר אויך ליקווידירט געוואָרן. דאָס קאַפּיטל געווער אין ריגער געטאָ ווערט אָבער דערמיט ניט פאַרטונקלט. עס בלייבט ווייטער און אויף שטענדיק לויכטן!

## תיקון טעות

אי די ערשטע קאַפּיטלען פון דעם עלבן אַרטיקל אין פּאַריקן נ׳מער ז׳ינען אַריינגעפאַלן די מער וויכטיקע פעלערן:

זייט 4, שפּאַלט 2, שורה 5: דאַרף זין יצחק באַק.

" " " " 7: " אָווסי־ אָקון

" " " " 8 (פון אונטן): דאַרף זיין:

זיינען דאָס רוב אויך אָט די לידיקע קאַסטים געווען אָנגעפילט...

זייט 5, שפּאַלט 1, שורה 2, דאַרף זיין: שמאַי שאַץ

" " 2 " 5 " " פון קאָמענדאַנטור הויף

" " " 1, (אונטן): דאַרף זיין ד״ר לאַנגע

זייט 6, שפּאַלט 1, ביי די בידע קאָמענדאַנטור־מעלדונגען זיינען די געגנדונס סלעך א בעריק.

משה וויסבערג

לייטער פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין לאַנדסבערג

# לעבן און אומקום פון די יידן אין דובנע

א.

די ראַיאָן־שטאָט דובנע ליגט ביים טייך איקווא, אויפן קרייצוועג קיעוו־ראָוונע און בראָד־לעמבערג. אַ שטאָט אַן אַלטע, וואָס ציילט שוין הונדערטער יאָרן. ביז צו דעם אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה האָט דאָרט געבלויזט דאָס לעבן אויף אַלע געביטן. יידן זיינען דאָ געווען אַרום 12 טויזנט, 60 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. 1941, אין דער ערשטער צייט פון נאַצי רעזשים אין דובנע, האָבן דאָ געלעבט 13 טויזנט יידן.

דעם 25־טן יוני 1941 האָבן די נאַצישע האָרדעס אַריינגעריסן זיך אין דובנע. אויף די יידן איז אַרויפגעפאַלן אַ שרעקלעכער פּחד. די יידישע געשעפטן זיינען צעראַבירט געוואָרן דורך די דייטשן און פון דער אָרטיקער אוקראַינישער באַפעלקערונג. עס האָט זיך אויך אָנגעהויבן דאָס רויבן פון יידישן פּריוואַט־אייגנטום, ווי אויך שלאָגן יידן, טרייבן זיי אויף אַרבעט און בכלל פאַרפאָלגן. די ברויט־ראַציע פאַר יידן איז פאַרקלענערט געוואָרן ביז 100 גראַם טעגלעך. ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג, אַז יידן מוזן טראָגן ווייסע בענדער, 15 צמ. ברייט, מיט בלויע מגן־דודס. דעם 17. X. 41 זיינען די ווייסע בענדער פאַרביטן געוואָרן אויף געלע לאַטעס פון 8 צמ. אין דיאַמעטער, וואָס מען האָט געמוזט טראָגן אויף דער לינקער זייט ברוסט און אויף דער רעכטער פּלייצע. דער געשאַפענער יודן־ראַט מיט מאַגיסטער קאָנראַד טויבענפעלר בראש, האָט געמוזט יעדן טאָג אָנטראָגן פאַרשיידענע געלט־ און חפצים־קאָנטריבוציעס, ווי צ. ב. בגדים, וועש, בעט־געוואַנט, מעבל, געפעס, אינסטרומענטן א. א. וו.

דעם 22־טן יולי, אַ חודש נאָכן אָנקומען פון די דייטשן איז פאָרגעקומען דער ערשטער טויט־געיעג אויף יידן. ס'איז געווען אַ דינסטיק נאָכמיטאָג. קיין דובנע זיינען אָנגעקומען עטלעכע מאַשינעס מיט ס. ס.־לייט. זיי האָבן מאָביליזירט צו הילף די אוקראַינישע מיליץ און אָנגעהויבן די ערשטע מאָרד־אַקציע. די אוקראַינער האָבן צונויפגעכאַפּט ביז 150 מענער. פון דעם הויז, וווּ איך האָב זיך געפונען (זאַבראַמאַ 5), האָט מען אַרויסגענומען אַלע מענער. מיר אין נאָך דריי (וויסבוים לייזער, באַרטניק מיכאל און הערש

איז געלונגען זיך אויסבאַהאַלטן. די צונויפגעכאַפּטע יידן האָט מען צוזאַמענגעבראַכט ביים פּאָסט־פּלאַץ, ווו ס׳האָבן שוין געוואַרט די ס. ס.־מערדער. די האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די יידן און זיי שווידערלעך געשלאָגן. 70 מאַן זיינען צוריקגעשיקט געוואָרן אַהיים און איבעריקע 80 זיינען פאַרפּאַקט געוואָרן אין די אויטאָס און זיי אָפּגעפירט צום יידישן בית־עולם (ניט ווייט דערביי האָב איך געווינט). דאָרט זיינען שוין געווען צוגעגרייט גריבער. מען האָט זיי באַפוילן זיך אויסטאָן נאַקעט. דאַן האָט מען זיי ווידער געשלאָגן, אַרויסגעריסן די גאָלדערנע ציין און צום ענדע זיי אויסגעשטעלט ביי די ראַנדן פון די גריבער און דערשאָסן. צומאָרגנס האָט מיין אוקראַינישער שכן טשערניאַקאָוו געבראַכט פאַרשיידענע בילדער, דאָקומענטן, ברילן און אַנדערע זאַכן. וועלכע ער האָט געפונען אויפן בית־עולם ביי די גריבער.

אין העלפט אויגוסט האָט די נאַצישע מיל׳טער־מאַכט פאַראָרדנט. אַז די דובנער יידן מוזן אָפּגעבן דאָס גאַנצע גאָלד, זילבער און אַלע אַנדערע ווערטפולע חפצים. די פאַראָרדענונג איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ גאָר באַזונדער שטרענגקייט.

די צווייטע אַקציע איז פאָרגעקומען דעם 21־טן אויגוסט 1941, 2 מאָנאַטן נאָכן אָנקום פון די דייטשן און אַ מאָנאַט נאָך דער ערשטער אַקציע. די אַקציע איז אויך געווען בלויז אויף מענער. עס איז געווען דאָנערשטיק, אַזייגער האַלב צען אינדערפרי. קלאַנגען פאַרשיידענע זיינען אויסגעבראָכן און באַלד איך אַן אויסערגעוויינלעכע פּאַניק. יידן האָבן גענומען לויפן אין די הייזער. אין די גאַסן האָבן זיך באַוויזן ארונטערגעבראַכטע גרופּעס פון אוקראַינישער פּאָליצי. זיי זיינען געווען באַוואָפנט מיט פּיסטאָלעטן, אייזנס, שטעקנס און נאָך פאַרשיידענע מאָרד־מכשירים. ביי אַ סך פון די אוקראַינער זיינען די אויגן און אַ טייל פון פּנים געווען באַדעקט מיט שוואַרצע מאַסקעס. דערמיט האָבן די אָרטיקע אוקראַינישע באַנדיטן זיך געפּרוווט מאַסקירן פאַר די יידן, וועלכע האָבן זיי גוט געקענט ווי געוועזענע חברים פון שול־באַנק און מיליטער און פאַרשיידענע געזעלשאַפטן, ווי אויך פון אַנדערע פריינטלעכע באַציאונגען... ווי צעווילדעוועטע חיות האָבן זיך די אַ לאָז געטאָן איבער די יידישע גאַסן, הויפן און הייזער, געשנישטערט אין די קעלערן און אויף בוידעמער. פון די פאַרשיידענע באַהעלטענישן האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט אַלטע און יונגע מענער. זיי האָבן געשלאָגן. פאַרוווּנדעט און ווילד געטריבן די אומבאַוואָפנטע שוצלאָזע יידן.

איך האָב דעם טאָג זיך געפונען אין יורענראַט. אין פאַרלויף פונעם בלוטיקן טאָג זיינען די מערדער אַרויפגעקומען ביז 20 מאָל און אַלץ געזוכט די פאַרשטעקטע באַאַמטע. פון 42 באַאַמטע זיינען 37 צוגענומען געוואָרן. אייניקע האָבן זיך געראַטעוועט אַ דאַנק דעם וואָס זיי האָבן זיך פאַרשלאָסן אין אַ זייטיק פאַרמאַסקירט שטיבל. ווו אויך איך האָב זיך געפונען. פון דעם

שטיבל האָבן מיר געזען דעם מאַרק־פּלאַץ, וווּ מ׳האָט צונויפגעטריבן די יידן און גרופּעסווייז זיי אָפּגעפירט אין דער שטאָטישער תפיסה. אויפן הויף און אין די קאָרידאָרן פון תפיסה זיינען אין 2 רייען געווען אויסגעשטעלט אוקראַאינישע פּאָליציי, באַוואָפנטע מיט שטעקנס און אייזנס. יעדער ייד האָט געמוזט אַדורכגיין צווישן ביידע רייען און באַגיסן זיך מיט בלוט פון די באַקומענע קלעפּ. אין אַ זאַל זיינען דאָרט געזעסן דייטשישע מערדער, וועלכע האָבן פון די מענטשן צונויפגענומען פאַרשיידענע פּערסאָנאַליעס און כמעט אַלעמען באַשטימט צום טויט. באַפרייט זיינען געוואָרן נאָר געציילטע, די באַשטימטע צום טויט האָט מען מיט מאַשינעס געפירט צום יידישן בית־עולם, וווּ מ׳האָט פון זיי אַלץ צוגענומען און נאַקעטע צעשאָסן. די אַקציע האָט געדויערט 10 שעה, ביז 7 אינאָוונט. און האָט אַוועקגענומען דאָס לעבן פון 1000 יידישע מענער.

פון דעם טאָג זיינען אין משך פון אַ האַלב יאָר קיין גרעסערע אַקציעס אין דובנע נישט פאָרגעקומען. עס זיינען נאָר געווען פאַלן, ווען עס זיינען דערשאָסן געוואָרן איינצלנע יידן אָדער קלענערע גרופּעס, אויף וועלכע מען האָט צוגעטראַכט פאַרשיידענע בילבולים. די יידן זיינען געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשייענע שטאָטישע און מיליטערישע צוואַנגס־אַרבעט. דערביי האָט מען דאָרט מאָראַליש דערנידעריקט, געשלאָגן, אָפּגעשפּאָט און געצווונגען צו די שווערסטע אַרבעטן. דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין געוואָרן אויסגעדאַרטע סקעלעטן, אויסגעשעפּט מאָראַליש, פיזיש און פסיכיש ביז צו דער העכסטער מדרגה. די יידן אַליין האָבן זיך געטרייסט מיט פאַרשיידענע צוגעטראַכטע קלאַנגען. די פאַרצווייפלונג איז אָבער געוואַקסן מיט יעדן טאָג. דער עיקר צוליב די דערפאָלגן פון דער נאַצישער אַרמיי דאַן אויף אַלע פראָנטן. אין שטאָט זיינען געבראַכט געוואָרן טויזנטער סאָוויעטישע געפאַנגענע, וועלכע זיינען געפייניקט געוואָרן דורך שלאָגן און הונגער נישט ווייניקער ווי די יידן. נאָר אין די ווינטער־מאָנאַטן 1942 זיינען אין ראָוונע און דובנע פון זיי אומגעקומען ביי 55 טויזנט.

די דייטשן האָבן אויך ווירטשאַפטלעך סיסטעמאַטיש רואינירט די יידן. כסדר פלעגן זיי אויפפאָדערן דעם יודענראַט צו איבערגעבן זיי יידישע האָב און גוטס. די פאָדערונגען זיינען געווען אומגעהייערע און עס איז געווען שווער זיי אויספירן. די פאַרצווייפלונג איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. צו דעם האָט נאָך גורם געווען די פאַרשייענע חורבן־ידיעות, וואָס פלעגן דערגיין פון די אַרומיקע שכנותדיקע שטעט און שטעטלעך. פון ראָוונע צ״בש. איז דערהאַלטן געוואָרן אַ טרויעריקע ידיעה, אַז דעם 10־טן און 11־טן נאָוועמבער 1941 זיינען דאָרט אויסגעמאָרדעט געוואָרן 18 טויזנט יידן, וועלכע זיינען באַגראָבן געוואָרן אין 9 גריבער אויף די סאָסענקעס (אַ וועלדל

5 קמ. הינטער ראָווגע). ענלעכע ידיעות זיינען אויך אָנגעקומען פון אַנדערע וואָלינער שטעט.

דעם 5־טן און 23־טן מערץ 1942 זיינען אין דובנע דורכגעפירט געוואָרן ציוויי ווירטשאַפטלעכע אַקציעס, וואָס האָבן דאָ געדאַרפט צוגרייטן דאָס שאַפן אַ געטאָ. צו די אַקציעס האָבן די דייטשן מאָביליזירט טויזנטער פּויערן פון די אַרומיקע אוקראַיִנישע און פּוילישע דערפער. הונדערטער אוקראַיִנישע פּאָליציסטן האָבן אויף די פורן פון אַלע יידישע וווינונגען אַרויסגעפירט דאָס בעסטע האָב און גוטס, ווי מעבל, זאַכן און פאַרשיידענע פּראָדוקטן. איבער־געלאָזט האָבן זיי נאָר שמאַטעס און צעבראָכענע כלים. פאַר דער אוקראַיִני־שער באַפעלקערונג איז דאָ געווען ניט קיין קליינע געלעגנהייט אַרומצוראַ־בירן די יידן. דאָס האָבן אויך אויסגענוצט די פּאָליאַקן, וועלכע זיינען ניט געבליבן הינטערשטעליק ביי דער אַרבעט.

ב.

דעם 2־טן אַפּריל 1942 א׳ דפסח, איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר די דובנער יידן אַ געטאָ. געטאָס זיינען דאַן געווען איינגעאָרדנט כמעט אין אַלע וואָלינער שטעט. אַנדערש איז אָבער געווען אין די מזרח ־ אוקראַיִנישע געביטן. דאָרט איז שוין דאַן ניט געווען קיין סימן פון יידן. פאַרן געטאָ אין דובנע איז באַשטימט געוואָרן דאָס שמוציקע שלום־עליכם־געסל. אין די גרענעצן פון געטאָ זיינען אַריין נאָך עטלעכע שכנותדיקע בלאָטיקע געסלעך וועלכע זיינען געלעגן ביים ברעג פון טייך איקווא. דער פּלאַץ איז אַרומ־געצוימט געוואָרן מיט אַ הויכן ברעטער־צוים און מיט שטעכל־דראָטן. אין משך פון איין טאָג האָבן אַלע יידן פון שטאָט זיך געמוזט אַהער אַריבער־קלייבן. פאַר די קאַרגע 11 טויזנט יידן, וועלכע האָבן נאָך צו יענער צייט געלעבט אין דובנע, איז דער אָרט געווען צו קליין, און די ענגשאַפט איז געווען אומדערטרעגלעך. דאָס אַלץ און דערצו נאָך די שלעכטע דערנערונג האָט דערבראַכט צו פאַרשיידענע עפּידעמיעס.

פון געטאָ פלעגן טאָג־טעגלעך יעדן אינדערפרי אַרויסמאַרשירן געשלאָ־סענע גרופּן צו פאַרשיידענע אַרבעטן און אין זעלבער אָרדענונג זיך צוריק־קערן פאַרנאַכט. קיין איינצלנע יידן האָבן זיך ניט געטאָרט ווייזן אויסערן געטאָ. אָפטמאָל פלעגט די דייטשישע אָדער אוקראַיִנישע זשאַנדאַרמעריע ביים געטאָ דורכפירן רעוויזיעס ביי די צוריקגעקומענע גרופּעס. פאַר געפינען ביי וועמען עטלעכע דעקא פּוטער אָדער אַנדערע שפּייזן פלעגט דער מענטש ווערן מערדערלעך צעשלאָגן און דערצו נאָך אַרעסטירט. אַזאַ פאַל האָט צ. ב. געטראָפן מיט מיינער אַ באַקאַנטער, קלאַראַ טענענבוים. זי איז געווען פון פאַך אַן אַגראָנאָם און געאַרבעט אַלס גערטנערין ביים געביטס ־ קאָמיסאַר. איינמאָל, ווען איר גרופּע האָט זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט, איז פלוצלונג אַרויס פון אַ הויז דער זשאַנדאַרמיע ־ קאָמענדאַנט פאָן פאַפּקע

מיט עטלעכע אוקראַיִנישע פּאָליציסטן, זיי האָבן די גרופּע פאַרהאַלטן און דורכגעפירט אַ רעוויזיע. ביי קלאַראַ טענענבוים האָבן זיי געפונען 10 דעקא פּוטער. פאָן פּאַפּקע האָט זי מערדע־לעך צעשלאָגן, געטראָטן מיט די פיס און איר מיט נאָך עטלעכע מיידלעך אָפּגעפירט אין דער זשאַנדאַרמעריע. דאָרט האָט ער זיי ווידער רעווידירט און געפינענדיק ביי טענענבוים איר מאַטורע האָט ער זי ציניש צעריסן, אויסשרייענדיק דערביי: „יודען דירפען קיינע בילדונג האַבען!" פאַר דאָס ביסל פּעטס האָט ער באַשטימט דאָס מיידל צום שיסן. אַ דאַנק די גרויסע באַמיאונגען, וואָס זיינען אָנגעווענדעט געוואָרן ביים געביטס־קאָמיסאַר, ביי וועלכן זי האָט געאַרבעט, איז געלונגען איר אָפּצוראַטעווען פון טויט. אגב, קלאַראַ טענענבוים האָט איבערגעלעבט דעם נאַצי־רעזשים און געפינט זיך לעצטנס אין ווין.

דאָס לעבן אין געטאָ איז געוואָרן האָפענונגסלאָז, פול מיט אָנגע־שטרענגטער דערוואַרטונג אויף עפּעס אַן ענדערונג. אַן ענדערונג איז טאַקע געקומען, אָבער אַ שטאַרק טרויעריקע. אינמיטן מאַי 1942, זעקס וואָכן נאָכן שאַפן דאָס געטאָ, האָבן די דייטשן צעטיילט דאָס געטאָ אויף צוויי טיילן. אין איין זייט האָבן געדאַרפט וווינען פאַכמענער, וועלכע האָבן באַקומען ספּעציעלע שיינען און די צווייטע טייל איז געווען באַשטימט פאַר די ניט־פאַכמענער. די צאָל אַרויסגעגעבענע פאַך־שיינען איז געווען אַ באַגרענעצטע. פאַקטיש האָבן אָבער די פאַך־שיינען באַקומען ניט נאָר פאַכלייט, נאָר אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאַט גרויס פּראָטעקציע אָדער האָבן פאַר די פּאַפּירלעך גוט באַצאָלט. איך פערזענלעך בין דאַן געווען באַשעפטיקט אַלס בוי־טעכניקער אין געביטס־קאָמיסאַריאַט און אַ דאַנק דעם איז מיר געלונגען צו באַזאָרגן מיט פאַך־שיינען 25 יידישע בחורים, וועלכע זיינען געווען באַשעפטיקט ביי די אוקראַיִנישע מוליאַרעס פון געביטס־קאָמיסאַריאַט.

די יידן האָבן שוין פאַרשטאַנען, אַז עס גרייט זיך אויף זיי אַ גרויס אומגליק. און אַזוי איז טאַקע געווען. דער 27־טער מאַי 1942 איז געווען פאַר די יידן פון רובנע אַ טאָג פון אַ שוידערלעכער שחיטה. ער האָט געקאָסט דאָס לעבן פון ביי 7 טויזנט נפשות. די הויפּטמערדער פון די יידן אין רובנע זיינען אין דער ערשטער ריי געווען: דער קאָמענדאַנט פון דער זשאַנדאַר־מעריע פאָן פּאַפּקע, דער לייטער פון דייטשן אַרבעטס־אַמט הויפּטמאַן האמערשטיין, געביטס־קאָמיסאַר בראָקס, זיין פאַרטרעטער שטאַבס־לייטער אללעטער און דער אינספּעקטאָר וויזע. פאָן פּאַפּקע איז געווען אַ טיפּ פון אַ פאַרברעכער, ביי וועמען דער עקלהאַפטער, צעקרימ־טער און צעקניטשטער פּנים מיט דער נאַהייקע אין האַנט האָבן באַלד געקענט כאַראַקטעריזירן זיין שוואַרצע ראָל. הויפּטמאַן האמערשטיין, וועל־כער האָט געשטאַמט פון די סודעטן, איז געווען אַ הויכער, מיט אַ גאַנץ יידעלן פּנים און געהאַט אַן אָנגענעמע שטימע. ער האָט געטראָגן ברילן




# פלאן פון דובנע

געטאָ-גרענעץ ××××

אויף דער נאָז. ווער עס האָט מיט אים דאָס ערשטע מאָל גערעדט. האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז דער מענטש זאָל קענען זיין אַזאַ ווילדער ראַפּינירטער רוצח פון אַן אויסערגעוויינלעכן מאַסשטאַב. געביטס־קאָמיסאַר בראָקס איז געווען אַ ווייניק ריידנדיקער. ער פלעגט די גזירות אונטער־שרייבן אָדער געבן זיין הסכמה, זיינע בלוטיקע באַפעלן פלעגן שוין אויס־פירן זיינע אונטערגעאָרדנטע דייטשן און אוקראַינער. נאָכן אַדורכפירן פלעגט ער קומען מיט אינספּעקציעס אויפן אָרט פון די געשעענישן. זיין פאַרטרע־טער שטאַבס־לייטער אללעמער איז געווען אַ נידעריקער. זי־ער אַ שטרענ־גער און פּאַקטיש האָט ער אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַרבעט פון געביטס־קאָמיסאַריאַט. ער איז געווען דער הויפּט־פייניקער פון די דובנער יידן. אינספּעקטאָר וויזע איז ווי פאָן פאַפּקע. געווען אַ פאַרברעכערישער טיפּ אַ סאַדיסט וועלכער פלעגט שטענדיק שלאָגן יעין פאַרבייגייענדיקן ייד אָן קיין שום סיבה און חטא. ער האָט אָנטייל גענומען אין יעדער אַקציע.

אויסער די דייטשן האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צו די עינויים איבער די יידן אויך די אָנפירער פון דער אוקראַינישער באַפעלקערונג. צווישן זיי אין דער ערשטער ריי: בירגערמייסטער בורקאַ. וויצע־בירגערמייסטער סערוואָס סטאַראָסטע סידעראָוויטש און אַנדערע. זיי אַלעמען האָט נאָך איבערגעשטיגן איינער אַ סטאַשיק. די דערמאָנטע אוקראַינישע מנהיגים זיינען געווען פון פאַך לערערס. וועלכע האָבן מיט מיר צוזאַמען פון 1939 ביז 1941 געאַרבעט אין סאָוועטישע שולן. יעמאָלט האָבן זיי זיך אָנגעגעבן פאַר הייסע קאָמוניסטן;

די אַקציע גופא איז פאָרגעקומען אויף פאָלגנדיקן אופן. דעם 26־טן מאַי 1942 אינאָוונט האָט די יידישע געטאָ־פּאָליצײ באַקומען אַ פאַראָרדענונג ניט אַריבערצולאָזן קיינעם פון דער זייט פון די ניט־פאַכלייט אויף דער זייט פון די פאַכלייט. 12 אַזייגער ביינאַכט האָט זיך געלאָזט הערן ביים געטאָ־טויער פון די ניט־פאַכלייט דריי שאָסן. נאָך וועלכע עס האָבן זיך גלייך אין געטאָ אריינגעריסן צעווילדעוועטע דייטשע ס.ס. און עטלעכע הונדערט אוקראַינישע פּאָליציסטן, אויך פון דרויסן איז דאָס געטאָ געוואָרן ארום־געשטעלט מיט באַוואָפנטע פּאָליצײ. אַלע האָבן זיי געטראָגן העלמען; די דייטשן האָבן אויך מיטגעפירט הינט. זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסטרייבן די יידן פון די הייזער. די אַרויסגעטריבענע האָט מען געשלאָגן אָן רחמנות, פיל פרויען זיינען געפאַלן אין חלשות. דערזעענדיק ווי זייערע קליינע עופהלעך ווערן געטראָטן פון די מערדערישע פיס. קראַנקע קאַליקעס און אַלטע לייט האָט מען געשאָסן אויפן אָרט. אַנדערע יידן זיינען געשפרונגען אין איקוואַ (טייך) אריין, וועלנדיק שוין בעסער דאָרט געפינען דעם טויט איידער זיך איבערגעבן אין די הענט פון די רוצחים. אַ סך מענטשן זיינען אַרונטער פון זינען, איינע אַ פרוי חיה פינבלים פון ריבנע געסל. וועלכע האָט גאַנצע 14 יאָר נאָך איר חתונה ניט געהאַט קיין קינדער און ערשט ביים אָנהויב

פון דער דייטשער אָקופּאַציע געבוירן אַן ערשטלינג. האָט בעת דער אַקציע ווען די מערדער האָבן ביי אים געוואָלט צונעמען דאָס פּיצל קינד, עס אַריינגעוואָרפן אין אַ פּאַס וואַסער, אויסשרייענדיק דערביי: „זאָל איך אַליין זען דעם טויט פון מיין אויסגעבענקטן קינד!“ נאָכדעם האָט זי אַליין איינגענומען סם. די באַרבאַרן האָבן דערביי נאָך געלאַכט און מיט פאַרגעניגן ווייטער געפירט זייער בלוטיקן ספּאָרט. די געטריבענע אומגליקלעכע ייִדן האָבן זיי צונויפגעזאַמלט אויף אַ פּלאַץ ביים אַרויסגאַנג פון געטאָ. ווו ס׳האָט געהערשט אַ טויטע אין יאושדיקע שטילקייט. פון צייט צו צייט ווען ס׳פלעגט אָנקומען אויטאָס נאָך די מענטשן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ לעצט פאַר־צווייפלטער געשריי. וועלכער האָט צעשניטן די אַרומיקע טויטע שטילקייט. אין די מאַשינעס האָט מען איינגעפּאַקט די קרבנות און אָפּגעפירט אויף דעם אָרט פון אומקום. די וועלכע מ׳האָט שוין ניט געקענט אַריינשטופּן אין די מאַשינעס האָט מען געטריבן צופוס. די מענער האָט מען געטריבן אויפן ייִדישן בית־עולם פרויען און קינדער – צום פלוג־פּלאַץ וואָס האָט זיך געפונען הינטער דער שטאָט ביי דער באַן־סטאַנציע אויף סירמיטש.

איינע אַזאַ געטריבענע גרופּע איז באַשטאַנען ביז 8 הונדערט קינדער אין שול־עלטער. די אַמשענסטן אָנגעטאָענע קינדער האָט מען אויסגעשטעלט פאַרויס צו פיר. מען האָט זיי געגעבן בוקעטן בעז אין די הענט. און ווי אַן איראָניע פון גורל זיינען אונדזערע שיינע קינדער געגאַנגען אין שענסטן חודש פון יאָר, אין מאַי, אויף זייער אייגענער לוויה מיט בלומען אין די הענט. זיי זיינען אָנגעטריבן געוואָרן פון אוקראַינער, דייטשן און ווייטשקעס מיט הינט. וועלכע מען פלעגט ווילעוויז אָנרייצן אויף זיי. און פיל קינדער־לעך זיינען אויפן וועג צעריסן געוואָרן פון די הינט. אַזוי האָבן געטאָן דייטשישע פרויען און מוטערס, וועלכע האָבן אויך געהאַט אין זייערע היימען אייגענע קינדער.

די גרופּעס ייִדן זיינען געבראַכט געוואָרן צו טיף־אויסגעגראָבענע גריבער. אַלע האָבן זיך געמוזט אויסטאָן נאַקעט. מ׳האָט פון יעדן אַרויסגע־ריסן די גאָלדענע ציין. נאָר זעלטן־זעלטן האָט זיך געלאָזט הערן אַ קרעכץ אָדער אַ ווייגעשריי. די מענער און פרויען זיינען געווען אויסגעדאַרט מיט געלע בלאַסע פּנימער. מער ענלעכע צו שאָטנס ווי צו מענטשן זיי זיינען שוין געווען צו אַלץ גלייכגילטיק. די נאַקעטע מענטשן (פרויען מענער קינדער) האָבן געמוזט שטיין אויף די קני מיט די פּנימער אַראָפּגעבויגן צו די אויסגעגראָבענע גריבער און די הענט פאַרלייגט אויפן נאַקן. אין אַ ווינקל לעבן גרוב איז געזעסן אַ דייטש מיט אַן אָנגעלאָדענעם מאַשין־געווער. די פּיס האָט ער געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט אין גרוב און אין מויל אַ פּאַפּיראָס. יעדע פּאָר מינוט האָט זיך געהערט אַ קלאַפּערייַ פון מאַשין־געווער. און 20 מענטשן זיינען אַריינגעפאַלן אין גרוב אַריין. אַזוי זיינען יעדע פּאָר מינוטן

אַריינגעפאַלן פרישע 20 קרבנות. די מענטשן, וועלכע זיינען מיטן ערשטן שאָס נאָך ניט געווען דערליידיקט, האָט אַ צווייטער פאַרענדיקט. אַ טייל זיינען דערשטיקט געוואָרן אונטער די אַלץ ניי־אַריינגעפאַלענע טויטע קערפּערס. און אַזוי איז אין די גריבער אַנטשטאַנען אַ בלוטיגע, באַוועגלעכע מאַסע. די אָנגעפילטע גריבער האָט מען באַליינגט מיט כלאָר און נאָכדעם פאַרשאָטן. דאָס בלוט האָט ערטערווייז אַרויסגעבראָכן פון דער ערד. נאָך צומאָרגנס האָבן אוקראַינער באַמערקט, ווי די ערד פון עטלעכע גריבער האָט זיך באַוועגט.

ג.

די אַקציע האָט געדויערט ביזן 27־טן מאַי אינדערפרי. די יידן פונעם צווייטן טייל געטאָ זיינען דעם טאָג געטריבן געוואָרן צו דער אַרבעט, ווי ס'וואָלט גאָרניט געשען. דאָס זיינען געווען די פאַרבליבענע פאַבלייט וועמען אַ ווייס שטיקל פאַפּיר האָט אויף אַ געוויסער צייט אָפּגעצויגן דעם טויט. מ׳קען זיך פאָרשטעלן דעם פסיכישן צושטאַנד פון די מענטשן, וועלכע האָבן צום גרעסטן טייל דורך איין נאַכט פאַרלאָרן זייערע פאַמיליעס, פריינט און נאָענטע, מיט וועלכע זיי האָבן זיך צוזאַמען דערצויגן און געלעבט. פון צייט צו צייט האָבן זיך געלאָזט מערקן מאַשינעס אָנגעלאָדענע מיט אָנטועכץ, שוכוואַרג און אַנדערע זאַכן. דאָס האָבן יידן אַליין געפירט די זאַכן פון זייערע אייגענע ברידער פון די ערטער, ווו יענע זיינען גרויזאַם אומגעקומען. אין עטלעכע ערטער זיינען די פאַרבייגייענדיקע אוקראַינער און פאָליאַקן שטיין געבליבן און זיך צוגעקוקט צו די טרויעריקע יידישע גרופּן, וועלכע גייען ווייטער צו דער אַרבעט. זיי זיינען שטיין געבליבן און איראָניש געשמייכלט. אין בעסטן פאַל פלעגט ווער טרויעריק אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ און ווירער גיין זיין וועג. פיל פון די ערלעכע האָבן אויף מאָרגן דערציילט אינדערשטיל ווי די מערהייט פון זייערע ברירער האָבן מיטגעהאָלפן די צעווילדעוועטע דייטשן כאַפּן אייסבאַהאַלטענע יידן און איבערגעבן זיי צום טויט. מיינער אַ באַקאַנטער לערער, דער אוקראַינער וואָלאָדקאַ דרוטשענקאָ, מיט וועמען איך האָב צוזאַמען געאַרבעט האָט אַליין געכאַפּט פאַרבאַהאַלטענע יידישע קינדער און איבערגעגעבן זיי די דייטשן. די הויפּטראָל אין אויסזוכן באַהאַלטענע יידן האָט געשפילט וואנקא האָפּמאַן, דער פאָטער זיינער איז געווען אַן אַדוואָקאַט, אַ רוס. מיטן אָנקום פון די דייטשן איז ער און זיין פאַמיליע געוואָרן פאָלקסדייטשן. איינער פון די זין איז געווען קאָמענ־אַנט פון דער אוקראַינישער פּאָליציי און ביי יעדער אַקציע אַליין דערשאָסן הונדערטער יידן. אַ טאָכטער האָט אויך געאַרבעט אין קאָמיסאַריאַט. דער דערמאָנטער וואנקא האָט געשפילט אַ פינצטערע ראָל ביים אָנטאָן יידן צרות. אַזוי האָט ער בעתן צעטיילן די פאַך־שיינען גענומען פון יידן גרויסע סומעס געלט פאַר יעדן שיין און שפּעטער זיי אַליין אויסגעזוכט און איבער־

געגעבן די דייטשן. ער האָט אויך איבערגעגעבן צום טויט זיין אייגענעם שול חבר מישאַ שפּיצמאַן, (ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז וואנקא האָפּמאַן איז באַמערקט געוואָרן דורך קלאַראַ טענענבוים אין ווין).

נאָך דער אַקציע זיינען די שיינע זומער־טעג פאַר די דובנער יידן פון טאָג צו טאָג שווערער געוואָרן. ביים לעבן זיינען פאַרבליבן איבער 3000 מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט אין שטענדיקער מורא און איבערצייגונג, אַז מען האַלט זיי נאָך נאָר אויף ארויסצוציען פון זיי דאָס לעצטע ביסל קראַפט און די לוין זייערע וועט זיין – אַ טראַגישער טויט. עס האָבן זיך דאָך גע־פונען עטלעכע נאאיווע אָפּטימיסטן, וועלכע האָבן ווייטער געטרייסט מיט פאַרשיידענע אויסגעטראַכטע ידיעות פון די פראָנטן. פון אונטערגעהערטע שמועסן צווישן דייטשן. צו דורכן ראַדיאָ, ווען אַ דייטש האָט אַמאָל זיך דערלויבט צו זאָגן אַ וואָרט קעגן היטלערן אָדער זיין מאַכט איז שוין געווען געגנוג אַז יידן זאָלן אויף דעם בויען בערג און וואָכנראַנג זיך טרייסטן...
דערווייל האָבן די דייטשן אריינגעגעבן אין אַלע וואַרשטאַטן אוקראַינישע שילער. וועלכע האָבן געדאַרפט צו אַ באַשטימטן טערמין זיך אויסלערנען די פאַכן. כדי, ווען נויטיק, צו קענען פאַרטרעטן די יידן.

שפּירנדיק דעם נאָענטן סוף פון די רעשטלעך פאַרבליבענע יידן האָבן די אוקראַינער און פּאָלאַקן אָנגעהויבן צונעמען פון זיי די ווערטפולע זאַכן. צוזאָגנדיק די פאַרצווייפלטע בלומערשטע הילף אין אַ צייט פון געפאַר. די יידן האָבן זיך באַמיט אַלץ דאָס בעסטע אַוועקגעבן זייערע נים־יידישע שכנים, זאָגנדיק: „יועלן מיר איבערלעבן, וועלן מיר אפשר עפּעס קריגן צוריק. און ווען נים. איז אַלץ די זעלבע, ווו עס וועט פאַרלוירן גיין". מיינע אַ באַקאַנטע פּוילישע פרוי זאָפיאַ סטעפּאַנאָוויטשאָוואַ. ביי וועלכער איך בין כמעט יעדן טאָג געווען, האָט גענומען צום באַהאַלטן דאָס פאַרמעגן פון 2 אירע געוועזענע יידישע שכנים, פון הויז־אייגנטימער בראנשטיין און פון דער יידישער מיידל אַדעלאַ מיט איר מוטער. אויסער אַ קעלער אָנגעפילט מיט יידישן גוטס זיינען ביי איר געווען פולע 2 שאַפעס. ווען די אויבנדערמאָנטע אַדעלאַ האָט איינמאָל געוואָלט צוגיין צו איר שאַפע זאַכן, וועלכע האָט זיך געפונען ביי דער פרוי, און זיך אַרויסנעמען פון דאָרט אַ קליידל. האָט מען זי אָנגעזידלט און אַרויסגעוואָרפן פון שטוב. דאָס זעלבע האָט אויך געטראָפן מיט דער פרוי בראנשטיין. ווען זי האָט געוואָלט נעמען אַ ביסל פון אירע וועש. אַזוי האָבן געטאָן כמעט אַלע אוקראַינער און פּאָליאַקן, וועלכע זיינען רייך געוואָרן פון אונדזער אומגליק.

איך אַליין האָב ביי דער זעלבער סטעפּאַנאָוויטשאָוואַ צוגעהערט אַזאַ מין שמועס. איך בין געזעסן ביי איר אין אַ צימער. אין שטוב איז אַריין די פּוילישע שניידערין קאָלאָוואַ, וועלכע האָט נים געוווסט אַז איך געפין זיך אין צווייטן צימער. די דערמאָנטע קאָלאָוואַ האָט אָנגעהויבן ריירן אין אַ

הייטערדיקן טאָן צו איר חברטע: „פאַני זאָשאַ קאָנסטו ניט נעמען פון אַ זשידעק אַ קלאַוויר פאַר דיין טעכטערל דזיטקא? דעם ייר וועט מען דאָך סיי־ווי דערהרגענען. און דו פאַני, וועסט האָבן פאַר דיין קינד אַ קלאַוויר. איך האָב שוין גענומען פאַר מיין העלענען אַ קלאַוויר. און דעם ייד האָט מען שוין געלייבט צו גאָט דערהרגעט. ווייס איך איצט אז ס'איז מיינע!..” און די קאָלאָוויאַ רעדט ווי טער: „איך מוז אויך באַקומען 2 גוטע פוטערס פאַר מיר און מיין מאַן. פאָקע־ און לאַפּקע־פוטערס האָב איך שוין פון די יידן, אָבער איך וויל באַקומען אַ קאַראַקול־פוטער. און איך וועל עס האָבי...

זאָשיו. מען טאָר ניט זיין קיין פאַרשלאָפענע און מ'מוז טאָן וואָס עס לאָזט זיך נאָר, ווייל אַנטקעגן דעם, וואָס אַנדערע האָבן שוין. קענען מיר זיך פאַר־שטעקן!..” די אויבנדערמאָנטע דזיטקא, פאַר וועלכער זי האָ[ט] געראַטן צוגרייטן אַ קלאַוויר, איז געווען אַלט 1 יאָר. זאָשאַ צו וועמען איר חברטע האָט אַזוי גערעדט האָט מיטן פינגער ביים נאָז געוויזן דער קאָלאָוואַ ניט צו ריידן, איך בין דאַן אַרויס אַן אויפגערעגטער פון צווייטן צימער. אָבער דאָך מיט אַ קאַלטער און באַהערשטער שטימע געזאָגט צו דער קאָלאָוואַ: „יאָ דו פאַני, וועסט שפּילן אָבערעק, מאַזורעק אויף דעם קלאַוויר נאָך די דערמאָר־דעטע יידן. אָבער איך ווייס ניט, צי איר וועט ניט דאַרפן שפּילן קיין טרויער־מאַרש; אויך נאָך די דערמאָרדעטע פּאָליאַקן.” דער פאַקט איז טאַקע אַזוי געווען, נאָכן אויסראָטן די יידן האָבן זיך די אוקראַינער גענומען צום מאָרדן פּאָליאַקן, ציגדן און רויבן זייער גוטס. דאָס זיינען נאָר קליינע עפּי־זאָדן וואָס כאַראַקטעריזירן די באַציאונגען פון די אוקראַינער און פּאָליאַקן צו די יידן אין אוקראַינע. אַ פּאָליאַק מיט אַן אייפריכטיקער באַציאונג צו דער יידישער טראַגעדיע, מיט מיטגעפיל און הילף איז געווען אַ זעלטנקייט. אוקראַינער האָבן בכלל אַזוינע ניט כמעט ניט עקזיסטירט. די אָרטיקע רוסן זיינען אויך ניט בעסער געווען. מיינער אַ פריינד דער רוס קאָסאַק, וועלכער האָט מיט מיר צוזאַמען געאַרבעט אין געביטס־קאָמיסאַריאַט אַלס צייכענער, האָט שפּעטער אַרויסגעוויזן זיין אמתן פּרצוף, ווען איך בין אַוועק פון דובנע אויף אַרישע פּאַפּירן האָט ער מיך אַ געוויסע צייט נאָכגעפאָרשט, כדי איבערצוגעבן אין די דייטשע הענט. נאָר די אָרטיקע טשעכן האָבן אין געוויסע פאַלן אַרויסגעוויזן מיטלייד און הילף זייערע באַקאַנטע יידן, די אַלע אָרטיקע קריסטלעכע איינוווינער וועלכע שמען מיט זייער גאַסטפריינטלעכקייט און ביים קניען זיך אין די קירכעס און צערקווים קלאַפּן זיי מיט די קעפּ אין דיל; זיי, וועלכע חזרן כסדר די הייליקע רייד „האָב ליב דעם צווייטן, ווי זיך אַליין דעם הונגעריקן קאָרמע אָן און טרינק אָן דעם דורשטיקן” — די האָבן זיך אין דער פּראַקטיק אַרויסגעוויזן אַלס גרויזאַמע און בלוטדורש־טיקע מערדער. און שוין אין בעסטן פאַל — אַלס רויבער פון יידישן האָב און גוטס און מיטהעלפער פון די דייטשן ביים אויסראָטן די יידן.

אין געטאָ זיינען דערווייל געגאַנגען די טעג איינער טרויעריקער פאַרן צווייטן, יעדער ייד האָט זיך אינאָווּנט געלייגט אויף זיין האַרטן געלעגער מיטן געפיל, אַז דאָס קען שיין זיין די לעצטע נאַכט. אָפטמאָל איז מען צוליב די פאַרשיידענע קלאַנגען אינגאַנצן ניט געגאַנגען שלאָפן. פיל יידן האָבן צוגעגרייט אונטערערדישע באַהעלטענישן, גלויבנדיק צו געפינען אין זיי אַ שוץ און אין אַ בייזער שעה זיך ראַטעווען דאָרט פונעם טויט. די בונקערס און באַהעלטענישן זיינען אַזוי קונציק פאַרמאַסקירט געווען, אַז עס האָט זיך באמת געדוכט, אַז ס'איז גאָר אומעגלעך אַזוינס צו אַנטדעקן. און דאָך האָבן זיי זיך שפּעטער אַממערסטן אַרויסגעוויזן פאַר צוועקלאָז, אַ דאַנק דער מיט־אַרבעט פון דער אָרטיקער ניט יידישער באַפעלקערונג מיט די נאַציס.

דאָס לעבן אין געטאָ איז פּאַמעלעך דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה פון אָרעמקייט און דערשלאָגנקייט. די ברויט־ראַציאָן איז געווען זייער אַ קליינע, און קיין אַנדערע שפּייזן זיינען ניט צוגעטיילט געוואָרן. ווער עס האָט נאָר געהאַט מעגלעכקייטן האָט זיינע לעצטע זאַכן אויסגעטוישט אויף שפּייז, כדי צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן. מען האָט פאַר אַ ברעקל פּוטער אָדער פלייש אַוועקגעגעבן די שענסטע קאָסטיומען אָדער אַנדערע ווערטפולע חפצים, גאַנץ אָפט האָבן יידן אייך דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן.

מיט באַדויערונג מוז מען פעסטשטעלן, אַז קיין שום קולטורעלע אָדער פּאָליטישע טעטיקייט האָט זיך אין דובנער געטאָ ניט געמערקט. די סיבה זאָל זיין, וואָס גלייך נאָך 6 וואָכן עקזיסטענץ פון געטאָ איז שיין אומגע־בראַכט געוואָרן דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג און די לעבנגעבליבענע האָבן זיך נאָך געמאַטערט ביי 4 מאָנאַטן.

פון דער ערשטער גרויסער אַקציע אין דובנע ביז דער ליקווידאַציע פון געטאָ האָבן די דייטשן אויסגענוצט אַלע יידישע אַרבעטס־קרעפטן. די דייטשע פאָדערונגען זיינען געווען גרויס און די יידן האָבן זיי ניט געקענט נאָכקו־מען. דער פאָרזיצער פון יודן־ראַט, מאַגיסטער קאָנראַד טייבענפעלד און דער לייטער פון יידישן אַרבעטסאַמט, ראָזענבוים האָבן ממש פאַרלוירן זייער גלייכגעוויכט, ניט קאָנענדיק געפינען קיין אויסוועג פאַר די ניט־אויספיר־באַרע פאָדערונגען און, פון דער אַנדער זייט, אויך ניט וועלנדיק מיט קיין זאַך אַריינגעבן דעם שונא אַן אויסרייד אויף אָנמאַכן צרות. זיי האָבן געטאָן, וואָס עס איז געווען אין זייער מעגלעכקייט. די גרעסטע צאָל פון די יידישע אַרבעטס־קרעפטן האָט שוין ליירער געפילט אין דער ערד. דער לייטער פון דייטשישן אַרבעטס־אַמט, דער קאַט האַמערשטיין פלעגט אַליין קומען אין געטאָ אַרויסטרייבן די יידן צו דער אַרבעט. זיי שלאָגן און פייניקן. עס זיינען געווען פאַלן, ווען איינצלנע יידן זיינען אַנטלאָפן פון געטאָ אין די וועלדער אָ־ער צו באַקאַנטע פויערים און דאָרט געלעבט אויף אַרישע דאָקומענטן.

זומער־צייט 1942 האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אין דובנע ידיעות וועגן דער ליקווידאַציע פון די געטאָס אין אַנדערע וואָלינער שטעט. 2 אַנטלאָפענע יידן פון קרעמעניעץ האָבן איבערגעגעבן וועגן אַן אַקציע בײַ זיי דעם 14־טן יולי 1942. בּיז 12 טויזנט יידן זײַנען בײַ דער אַקציע אומגעקומען אין קרעמע־ניצער געטאָ. ווי זיי האָבן אויך דערציילט, האָבן די קרעמעניצער יידן בּיז זייער טויט נאָך דורכגעמאַכט אַ גרעסערן גיהנם פון די דובנער. פון 50 בּיז 100 מענטשן פלעגן דאָרט טעגלעך אויסשטאַרבן פון הונגער. אַ צווייטער פּליט פון ראָוונע האָט איבערגעגעבן, ווי אין שײנעם יולי־טאָג האָט מען אויסגעמאָרדעט דעם רעשט 7000 יידן, אין ראָוונער געטאָ. די טרויעריקע ידיעות האָבן פאָרויסגעזאָגט אויך דעם גורל פון די דובנער יידן.

אין אויגוסט 1942 האָבן זיך ווידער צונויפגעזאַמלט אין דובנער געטאָ בײַ פירטויזנט פינף הונדערט יידן. עס זײַנען צוגעקומען די אַרויסגעריסענע דאָרף־יידן פון אַרום. אַלץ מענטשן צוגעבונדענע דורך דורות פון ערד־אַרבעט צום פעלד און לאָנקע. כמעט גאָרניט פון זייער פאַרמעגן האָבן די יידן גע־טאָרט מיטנעמען אין געטאָ אַרײַן, דער הונגער און נויט האָט זיך דאָ נאָך מער פאַרשטאַרקט. צו דער העכסטער מדרגה מאַטעריעלע ליידן פון די דובנער יידן איז הויפטזעכלעך דערגאַנגען נאָך דער ווירטשאַפטלעכער אַקציע. וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן אינמיטן פון זעלבן אויגוסט 1942. די אַקציע איז באַשטאַנען אָפּצונעמען בײַ די נאָך לעבעדיקע יידן אַלע שפּייז־פּראָדוקטן. אויף אַ געוויסן פלאַץ אין געטאָ האָבן די יידן געמוזט צוזאַמענטראָגן זייערע בּיסלעך שפּייז: מעל, אייל און אַנדערע פּראָדוקטן, וועלכע מ׳האָט מיט אויטאָס אַוועקגעפירט.

עס איז געקומען דער פינפטער אָקטאָבער 1942. דער טאָג פונעם טרויעריקן סוף פון דעם רעשט יידן אין געטאָ. איך האָב זיך שוין דאַן גע־פונען אויף אַרישע פּאַפּירן, 15 קמ. פון שטאָט, אין דאָרף קורדעבּאַן. די לעצטע אַקציע איז געווען ענלעך צו די פריעדיקע אַקציעס. אויסגעפירט האָבן זיי אויסשליסלעך אוקראַינער, וועלכע זײַנען בשליחות פון די דײַטשן אַרומ־געפאָרן מיט פרייד און געזאַנג פון שטאָט צו שטאָט און ליקווידירט די גע־טאָס, אויסמאָרדנדיק די נאָך פאַרבּליבּענע יידן פון די דורכגעמאַכטע אַק־ציעס. בײַ דער אַקציע זײַנען פיל יידן בּאַגאַנגען זעלבּסטמאָרד. דורך הענגען זיך, אַרײַננעמען סם אָדער שפּרינגען אין טײַך איקווא. מיין קוזין לייזער ווייסבּוים האָט זיך געהאָנגען; דער דענטיסט קאַנאַן און דר. אַרטמאַנאָוואַ און אַנדערע האָבן זיך פאַרגיפטעט. פיל יידן זײַנען דערמאָרדעט געוואָרן גלײַך אויפן אָרט אין געטאָ. טויטע קערפּער האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אויף די איבעריקע שטאָטישע גאַסן אויסערן געטאָ. ווי ס׳זײַנען געפאַלן די וועלכע האָבן געפרוווט אַנטלויפן. די לעצטע עדה יידן פון דובּנע איז אויך איצט דערשאָסן געוואָרן אויפן זעלבּן פּלי־פּלאַץ סורמיטש.

אויף מאָרגן נאָכן אויסמאָרדן די יידן האָט זיך אָנגעהויבן די רויבעריי פון פאַרבליבענעם יידישן גוטס. די בעסערע זאַכן האָבן צוגענומען די דייטשן דאָס איבעריקע האָבן זיי געטיילט ווי מתנות דער אָרטיקער ניט־יידישער באַפעלקערונג. זיי האָבן פאַרטיילט די חפצים לויט אַמטן און אַרבעטסשטעלן, פון דער גאַנצער ניט־יידישער באַפעלקערונג אין דובנע האָט זיך געפינען דער איינציקער פּאָליאַק פּאַפּוזשינסקי סטעפאַן. דער דירעקטאָר פון גימנאַזיע, וועלכער האָט געהאַט אין זיך גענוג מאָראַלישע פעסטקייט און מוט צו אַנטזאָגן זיך פון דער מתנה וועלכע מ'האָט פאַר אים אויסגעטיילט פון די יידישע זאַכן.

ביים אויסרויבן די יידישע הייזער האָבן די אוקראַינער און פּאָליאַקן נישטערנדיק אַנטרעקט פאַרשטעקטע יידן און אָן ווער כער רחמנות האָבן זיי די אומגליקלעכע אַבערגעגעבן אין די הענט פון דער דייטשער זשאַנדאַר־מעריע. די דייטשן האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס'זיינען נאָך געוויס פאַראַן ווו ניט ווו באַהאַלטענע יידן, זיי האָבן דאַן אויסגעהאָנגען מעלדונגען, אין וועלכע זיי האָבן גערופן די יידן אַרויסצוגיין פון זייערע באַהעלטעניש. אין די אויפרופן האָבן די רוצחים פאַרזיכערט, אַז ס'וועט קיין יידן ניט געשען קיין שלעכטס, ווייל זיי זיינען נייטיק צו דער אַרבעט.

דער ראַפינירטער פרווו האָט ליידער געהאַט דערפאָלג. דעם אינגאַנצן דערשלאָגענעם יידן איז אויך דאָסמאָל אויסגעקומען צו גלויבן. אַז אפשר וועט אים שוין באמת שיינען דער מזל. אַזוי האָבן יידן אָנגעהויבן אַרויס־קריכן פון זייערע באַהעלטעניש. אין משך פון איניקע טעג האָבן זיך ווידער באַוויזן אין געטאָ 150 יידן. עטלעכע טעג האָט מען זיי כלומרשט געפירט צו דער אַרבעט אין די וואַרשטאַטן, כדי אַזוי אַרום ארויסצונאַרן נאָך מער מענטשן פון זייערע באַהעלטעניש. אָט די אַלע נאַאיווע גלויביקע יידן האָט מען דערשאָסן דעם 23־טן אָקטאָבער 1942.

אַזוי האָבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן די דובנער יידן.

אזוי האָבן אויפגעהערט צו אָטעמען די יידן אין גאַנץ וואָלין.

אַזוי זיינען אויסגעוואָרצלט געוואָרן און אומגעקומען די פון הונדערטער יאָרן איינגעבירגערטע יידן פון אוקראינע. ווייסרוסלאַנד און אַנדערע מזרח ־ געביטן.

מיר, אויך געראַטעוועטע יידן פון דובנער געטאָ, האָבן די באַשרייבונג פון משה וויסבערג געלייענט אין כתב יד און געפינען איין, אַז ז' שטימט דורכאויס מיט די פאַקטן. (אינטערשריפטן:) רחל שרייער, אשר באַלאַבאַן.

אברהם ווייסבראָד מ׳כין, ניי־פרייטאַן

# ווייַנענדיקע קברים

(אַ דאָקומענט פון אַ שטעטל)

## א. פאטאַלע נביאות.

סקאַלאַט איז אַ קלי־ן שטעטל אין מזרח־גאַליצ־יע, טאַרנאָפּאָלער קרייז. אַהער דאָבן די דייטשן צונוי׳פגעשלעפּט די רעשטלעך יידן פון די ארומיקע שטעט און שטעטלעך, וועלכע זיינען געוואָרן „יורענפריי״. אין די שמאָלע געסלעך פון סקאַלאַט און אין די ענגע קליינשטעטלדיקע היזלעך האָבן די דייטשן אַריינגעפּרעסט אַן ערך 9 טויזנט נפשות. די כוונה דערביי איז געווע׳ צו קאָנצענטרירן וואָס מער יי־ן אויף איין אָרט, כדי צו קענען דורכפי־ איבער זיי די מערדערלעכע פּלענער.

עס זיינען מאַקע גלייך געקומען די שרעקלעכע טעג. איינע נאָך די אַנדערע, נאָר מיט קורצע צייט־הפסקות, זיינען דורגעפירט געוואָרן די גוט באַקאַנטע „אַקציעס״ און „איבערזידלונגען״. יעדעס מאָל זיינען טויזנטער מענטשלעכע לעבנס ברוטאַל אַרויסגעריסן געוואָרן פון שטעטל, און מען האָט לכתחילה אַפילו ניט געוווּסט. וווהין מען האָט די קרבנות פאַרשלעפּט. דאָס הייפל יידן איז געוואָרן יעדעס מאָל קלענער. און כאָטש די שטענדיקע מורא פאַרן טויט האָט געענבערט די מוחות, האָבן דאָך די לעבנגעבליבענע ר׳ געהאָפט אויף עפּעס אַן אומדערוואַרטער רעטונג. די יידן אין יענער צייט זיינען בכלל געווען באַהערשט פון אָפּטימיסטישע געפילן, וואָס האָבן גע־ שטאַרקט דעם ווילן און מוט צו לעבן. יידן האָבן געגלייבט, אַז ס׳מוז קומע אַ נס!

ווען ס׳איז דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע אַקציע אויף זקנים און קראַנקע האָבן די איבערגעבליבענע אין שטעטל געטענהט, אַז דאָס גרויסע אומגליק איז געווען אַ נויטיקער קרבן, וואָס נאָר גאָט אַליין קען עס וויסן. „איצט וועט שוין אָבער מוזן קומען עפּעס גוטס. משיח׳ס צייטן זיינען דאָך אויך פאַרבונדן מיט חבלי־לידה און שפיכות דמים; גרויזאַמע טעג פון חוצפה און אומרעכט אויף דער ערד. ווייל איז אָבער דעם מענטשן, וואָס וועט אַדורכהאַלטן און דערלעבן דעם גאָט־געבענטשטן טאָג, וואָס קומט, וואָס מוז קומען!״

זאָל ניט קלינגען אויסטערליש און אומגלויבלעך, ווען איך גיב דאָ אָן עטלעכע פאַקטן. וואָס קאָנען אגב באַשטעטיקט ווערן פון די לעבנגעבליבענע

עדות פון שטעטל. כמעט פאַר יעדער שחיטה האָבן זיך געטראָפן בעלי־חלומות און נבואה־זאָגער, וועלכע האָבן מיט כלערליי סימנים און רמזים פאָרויסגעזאָגט אַ טאָג, אין וועלכן די ישועה וועט באַשטימט קומען!

ווי פאַטאַל און אומפאַרשטענדלעך דאָס איז געווען, אַז גראָד אין די פאָרויסגעזאָגטע טעג זיינען פאָרגעקומען די גרעסטע אַקציעס און מאַסן־מאָרדן. צו יענער צייט איז עס אויפגעקומען דאָס פיל־זאָגנדיק ווערטל: „ווינטשט מיר וואָס איר ווילט, אַבי נישט קיין ישועה!"

ס'האָט אַ מיידל געזען אין חלום, ווי אַן עדה יידן, אָנגעטאָן אין טליתים, האָבן געדאַוונט אין שול, און אַ זקן, וואָס איז געשטאַנען אויפן בעלעמער, האָט געבלאָזן שופר און דערנאָך מבשר געווען דעם עולם, אַז אין טאָג י"א חשוון (20/X. 1942) קומט די הילף! האָט אָבער געוואָלט דער גורל, אַז דווקא אין דעם טאָג זאָל פאָרקומען די בלוטיקע, גוטבאַקאַנטע „ווילדע אַקציע" מיט 3 טויזנט קרבנות!

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט מרדכי מלמד געזען אין חלום זיין זיידן ע"ה אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל און טלית און תפילין. דער זיידע האָט אים געזאָגט, ער זאָל צוגרייטן אַ שמחה, ווייל אין דעם טאָג פון ב' חודש כסלו (7. 11. 42) ווערן די יידן געהאָלפן, די ישועה קומט! מרדכי מלמד, אַ קבצן כל ימיו, פאַרקויפט דאָס לעצטע העמד, גרייט אָן לעקאך און בראָנפן, זיין ווייב מאַכט אַ פעטן קוגל אויף שבת, ער רופט צונויף אַלע שכנים אויף אַ קידוש. ווי גליקלעך איז ער צו זיין דער בשורה־ברענגער פון דער ישועה, וואָס קומט בקרוב!.. און ווידעראַמאָל, — ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נים זיין! — גראָד אין דעם טאָג איז אין שטעטל פאָרגעקומען אַ גרויסע „אַקציע", ווו דווקא מרדכי מלמד מיט די רעשטלעך פון זיין משפחה איז צוזאַמען מיט נאָך 1100 יידן אָפּגעטראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין בעלזשיץ. נים ווייט פון לעמבערג, וווּ זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון טויט...

די מאַדטיראָלאָגיע פון די „יוינענריקע קברים", וועגן וואָס עס ווערט דאָ באַלד דערציילט, איז אויך געווען פאָרויסגעזען דורך אַ פאַטאַלער נבואה, וואָס האָט ווי מיט מאַטעמאַטישער גענויקייט געשטימט מיטן טאָג.

דאָסמאָל האָט בערל דעם רבס (אַ זון פונם באַקאַנטן רב און אגודה־טוער ר' בנימין וואָלאָוויץ), אין שטאָט אַ באַקאַנטער עילוי און תלמיד חכם אויסגערעכנט בגימטריה על פי הקבלה אַז אם ירצה השם ב' ניסן תש"ג קומט די ישועה!.. שטעטל האָט פרייער אָפּגעאָטעמט האָפענונג און גוטע דערוואַרטונג האָט אָנגעפילט די פאַרביטערטע הערצער און געשטאַרקט דעם גייסט, אַ קלייניקייט עפעס. בערל דעם רבס, אַזאַ בעל מקובל און בן־תורה האָט אַליין געזאָגט!.. און ס'איז שוין טאַקע די העכסטע צייט, דער אויבערשטער זאָל זיך מרחם זיין אויף זיין אויסדערוויילט פאָלק; די ישועה

מזו טאַקע קומען!.. אגב האָט טאַקע דער דייטש דאַן געכאַפּט די גוטע מפלית אין אַפריקע; עס איז געווען נאָך סטאַלינגראַד. זאָל דער רבונו של עולם איצט ניט געבן דעם לעצטן שטיפּ — און אַ סוף מיט די צרות!.. האָבן די יידן פיבערהאַפט געוואַרט און אומגעדולדיק געהאָפט אויף דעם גאָט־געבענטשטן 2־טן טאָג פון חודש ניסן.

נאָך גרויסער שפּאַנונג און פרייד־יקער האַרץ־קלאַפּעניש איז געקומען דער פרילינגס־טאָג, דער 7־טער אַפּריל 1943. דער טאָג איז געווען אַזוי זוניק און לויטער, ווי אָנגעמאָסטן צו דער דערפילונג פונם שענסטן טרוים.

פלוצלונג האָט אָבער אָנגעהויבן הילכן אַ כסדרדיקע שיסעריי פון נאָענט און ווייט. מיט דערשראָקענע הערצער האָט מען געפילט, אַז ס׳קומט אָן עפּעס שרעקלעכעס...

יאָ, אין דעם טאָג איז אַרויס דער באַפעל דורכצופירן די ענטגילטיקע אויסמאָרדונג פון די נאָך איבערגעבליבענע יידן. דאָס שטעטל האָט היינט באַדאַרפט ווערן „יודענריין". דריי פולגעפּאַקטע לאַסט־אויטאָס מיט ס.ס. מענער זיינען אַראָפּגעקומען פון דער גרויסער שטאָט. צו הילף האָבן זיי גענומען די היגע דייטשן און אויך די אוקראַאינישע מיליץ. דאָס שטעטל איז פון אַלע זייטן ארומגעשטעלט געוואָרן מיט אַ וואַך. ס׳זאָל חלילה קיינער נישט אַנטלויפן. ווי שדים זיינען די מערדער ארומגעלאָפן צווישן די געסלעך און הייזלעך, געזוכט און געני־שטערט, געשלעפּט, געריסן ביי די האָר און געשאָסן אין די מענטשן. וועלכע האָבן זיך געלאָזן לויפן בלייבע און צע־שראָקענע, אַליין נישט וויסנדיק וווהין, „קאָם מיט, קאָם!" האָבן די תלינים געשריען צו זייערע קרבנות. „זאָנסט קנאַל איך דיך נידער!"

נאָך אַ האַלבן טאָג ארומבושעווען האָבן זיי צונויפגעזאַמלט אין דער גרויסער שול 760 נפשות, מענער, פרויען און קינדער. ביי יעדער אקציע האָט שוין דער בנין געדינט פאַר אַ זאַמל־פונקט. צווישן די צונויפגעשלעפּטע קרבנות אין שול האָט זיך אויך געפונען בערל דעם רבס.

**ב. „קינדער דעם טאָדעס" מאַרשירן...**

מיט אַ פּאָר וואָכן פאַר דעם האָט מען געהאַט מען באַפוילן די לאַגער־יידן אויסצוגראָבן אויף אַ פעלד הינטערן שטעטל 3 גרויסע גריבער. מען האָט זיי געזאָגט, אַז די גריבער זיינען באַשטימט פאַר סופּערפאָספאַט־רעזערוואַרן צו די פעלד־אַרבעטן אין פרילינג. ס׳איז קיינעם פון די יידן נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס גראָבן זיי פאַר זיך אַליין קברים. פאַרקערט זיי האָבן גאָר געהאַלטן, אַז מען וועט זיי אין קומענדיקן סעזאָן באַשעפטיקן, אַזוי ווי פאַראַיאָרן. זייענדיק איצט אין שול, האָבן זיי שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען פאַר זיי אָנגעגרייט 3 קברים.

די שול איז געווען אַזוי אָנגעפּאַקט, אַז מען האָט פשוט ניט געקענט

כאַפּן דעם אָטעם. איינגעפּרעסט ווי הערינג זיינען די אומגליקלעכע געשטאַ־נען און מיט שרעק געוואַרט אויף דעם, וואָס דאַרף באַלד קומען. דער טויט־געראַנק האָט געזויגן דעם מאַרך און דם התמצית. אַ טייל האָט געזאָגט תהילים, אַ טייל ווידוי. אַ טייל האָט נערוועז געיאָמערט. אַנדערע זיינען געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט און ניט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט. אין שול איז געווען אַ היץ, ווי אין גיהנום. פון אַלעמען האָט גערונען דער שווייס ס׳האָט געטריקנט אין מויל, און די צונג איז געווען איינגעפּרעסט, ווי מיט בליי. גאָט אין הימל, זיי זיך מרחם!..

בערל דעם רבס האָט זיך מיט די עלנבויגנס געמאַכט אַ וועג צום בעלעמער. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין שולחן און אָנגעהויבן צו רייד:

„רבותי! היינט איז אונדזער יום־הדין. מיר גייען צום טויט, נאָר לאָמיר זיך שטאַרקן. קידוש־השם איז מכפּר עוונות. מיר טאָרן זיך ניט קעגנשטעלן דער השגחה...” דער נביאות־זאָגער פון דער ישועה צום היינטיקן טאָג טרייסט דעם עולם מיט הייליקע ווערטער. אָבער גלייך ברעכט ער צוזאַמען. ס׳ווערגן אים די טרערן, זיין שטים ווערט שוואַכער. ס׳הערט זיך, ווי אַ געמורמל פאַר שופר בלאָזן, און אָט פאַרשטייט מען שוין גאָרנישט...

דאָס ווילדע געשריי פון די דייטשן האָט געמאַכט אויפציטערן דעם גאַנצן עולם. ביים טויער זיינען געשטאַנען מחנות ס.ס. מענער און געמאַכט די הכנות צום לעצטן מאַרש. „קאָמט, קאָמט, קאָמט, איר קינדער דעם טאָ־עס!”.. אַלע האָבן זיך געשטופּט צום אַרויסגאַנג, ווי צו אַ דערלייזונג, ווייל יעדער האָט געגאַרט נאָך אַ ביסל פרישער לופט. אויף די קעפּ פון די אומגליק־לעכע זיינען געפלויגן קלעפּ פון ביקסן־קאָלבעס און גומי־שטעקנס. דאָס האָט געזאָלט צוריקשטעלן די אָרדענונג.

מען האָט אויסגעשטעלט די יידן צו 5 אין אַ ריי. און די קאָלאָנע האָט זיך גערירט פון אָרט. פון אַלע זייטן באַוואַכט דורך אַן ערך 100 דייטשן און אוקראַינער האָט זיך די „פּראָצעסיע” געשלענגלט דורך שמאָלע ברודיקע געסלעך. וועלכע האָבן געפירט צום גאָלגאָטע־פּלאַץ. אויף דער גאַנצער לענג פון וועג זיינען אויף ביידע זייטן געשטאַנען מחנות צוקוקערס וועלכע האָבן באַגלייט די אומגליקלעכע מיט בליקן פון צווייפלהאַפטער רחמנות. מיט פאַמעלעכע טריט, ווי זקנים, קוים שלעפּנדיק די פיס זיינען די אומגליקלעכע טרויעריק און שטום געגאַנגען אויף דער אייגענער לוויה. טרערן זיינען דאָ און דאָרט געפאַלן אונטער די טריט. אין דער לופט זיינען פון אַלע זייטן געפאַלן שאָסן, וועלכע האָבן געוואָרנט: „זאָל נאָר עמיצער פּרוּוון אַנטלויפן!...” ביי די דריי אָפענע קברים האָט זיך דער צוג אָפּגע־שטעלט און די תלינים האָבן זיך גענומען גרייטן צו דער בלוטיקער אַרבעט.

## ג. די שחיטה.

מען האָט אויסגעשטעלט די יידן אין אַ לעבעדיקן קוואַדראַט. די 18 יידישע מיליץ־לייט האָט מען געצוווּנגען אָנטייל צו נעמען אין דער אַרבעט. דערפאַר האָט מען זיי פאַרשפּראָכן צו שענקען דאָס לעבן.

ס'איז געפאַלן דער ערשטער באַפעל: „אויסטאָן זיך נאַקעט! די קליי־דער לייגן אין איין הויפן!" די יידישע מיליץ־לייט האָבן אונטערגעטריבן מען זאָל זיך וואָס גיכער אויסטאָן. די וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט, האָבן באַקומען מוראדיקע קלעפּ. אויף דער ערד האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ טעפּיך פון פאַרביקע פאַפּירלעך. דאָס האָבן די מענטשן צעריסן זייער געלט, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך, כדי עס זאָל דאָס ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון די רוצחים. אונטער אַ געוויין פון קינדער און „שמע־ישראל" האָבן זיך אָפּגעשפּילט שרעקלעכע סצענעס, און די תלינים האָבן ווילד געשריען: שנע־לער, שנעלער!... דער קליידער־באַרג איז געוואַקסן מיט יעדער מינוט. מענער, פרויען און קינדער זיינען געשטאַנען מוטער־נאַקעט און געציטערט.

בערל דעם רבס האָט זיך איינגעקשנט און פאַר קיין פאַל זיך נישט געלאָזט אויסטאָן. אַ דייטש האָט אים אַ פאָר מאָל דערלאַנגט איבערן קאָפּ אַז ער איז געפאַלן אַ צעבלוטיקטער אויף דער ערד. דאַן האָט ער באַקומען אַ פאָר שטויסן אין בויך. ער האָט נאָך באַוויזן אייסרופן „שמע־ישראל". געגעבן אַ קרעכץ און אויסגעהויכט זיין נשמה אויפן באַרג פאַרבלוטיקטע מלבושים. דער דייטש האָט געקאַטשעט יעם בר־מינן מיט די פיס ביז צום ראַנד פון קבר. פון וועלכן ס'האָט באַלד פאַרדומפּן אָפּגעהילכט דאָס פאַלן פון בערלס קערפּער... בערל דעם רבס האָט מנצח געווען. ער איז געפאַלן דער ערשטער פון די מערדער־הענט און געלעגן אין קבר אָנגעטאָן אין רויטע תכריכים. אין זיין טאַש ביי דער ברוסט איז געלעגן זיין תפילין־זעקל, מיט וועלכע ער האָט זיך קיינמאָל נישט צעשיידט.

יאַנקאַ מרגלית, אַ טיפּיש־יידישע שיינהייט האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט אויסצוטאָן. מען האָט זי צעשלאָגן ביז בלוט, זי האָט אָבער נישט נאָכגעגעבן. דער מיליציאַנט קובאַ מיגדאַן, זעענדיק זיין פרוי, קינד און שווער שטיין שוין אויסגעטאָן צום טויט, האָט זיך פרייוויליק אַוועקגעשטעלט צום שיסן. כאָטש די מיליציאַנטן האָבן געהאָפּט, אַז זיי וועלן לעבן בלייבן. יחידים זיינען נאַקעטע, ווי די קעלבער געפאַלן אויף די קני צו די פיס פון די תלינים און געבעטן רחמים. דער ענטפער אויף אַזאַ פאַרלאַנג איז געווען אַ ברוטאַלער שטויס מיטן פוס איבערן קאָפּ. יאָסל טענענבוים, אַ גוט־באַזיצער. דער איינגנטימער פון דעם פעלד, אויף וועלכן ס'איז פאָרגעקומען די שחיטה, האָט זיך דורכגעשטופּט צום עלטסטן פון די מערדער און אים געבעטן גנאָד פאַרן פרייז פון זיין אוצר. וואָס ער האָט געהאַט ערגעץ באַגראָבן. ער איז

שוין גרייט געווען צו גיין ווייזן וווּ דער אוצר געפינט זיך. אַ האַק מיט דער קאָלבע איבערן קאָפּ האָט דעם בעל־חוצפה אַוועקגעלייגט אַ טויטן.

די גימנאַזיע־לערערין מגר. רוזשאַ פּיקהאָלץ האָט אָנגעהויבן ריידן צו דער נאַקעטער עדה: „איך רוף אייך צו אויסגעהאַלטנקייט און מיט מיר שטאַרבן היינט, ווי אומשולדיקע מענטשן!"... „אַזוי זייט קיינע מענטשן!" רייסט איר איבער דער ס. ס. שטורמפירער און גיט איר אַ פייערדיקן פּאַטש אין פּנים אַריין. „יעצט רעדע ווייטער, די הורען־פרוי!" די רעדנערין גיסט אויס איר ווייטיק און צאָרן אויף די קעפּ פון די דייטשע מערדער: „איר מיינט מיר האָבן נישט קיין נקמה־פרייד מיר ווייסן, אַז אייער סוף איז נאָענט ס'וואַרטן אויף אייך גאַנצע וועלדער מיט תליות!..." דאָס האָט דער דייטש שוין ניט געקאָנט פאַרטראָגן. עס פליט אַ קויל גלייך אין האַרץ פון דער נאַקעטער רעדנערין און שוין ליגט זי אַ טויטע אויף דער ערד. דער עולם איז איר מקנא די זכיה פון אַזאַ לייכטן טויט.

און אָט איז ווידער געפאַלן אַ באַפעל: „שנעלער, שנעלער פערטיג מאַכן! יע 4 מאַן נידערקנאַלן!" צוערשט האָט מען 60 קינדערלעך אַריינגעוואָרפן לעבעדיקערהייט אין די גריבער, פון וואַנען ס'האָט זיך באַלד דערהערט זייער געוויין. דאַן האָט מען אויסגעשטעלט ביי יעדן קבר צו 4 מאַן איינעם הינטער דעם אַנדערן. 3 ס. ס. מענער האָבן מיט איין פּיסטאָלעט־שאָס געצילט אין ערשטן און נישט געקוקט אויף דעם, צו די קוילן האָבן געטראָפן צי נישט, האָבן זיי מיט די הענט אַריינגעשטופּט אין קבר כמעט נאָך לעבעדיקע מענטשן. און וואָס מער עס זיינען געפאַלן קערפּערס, אַלץ מער האָט מען פון די קברים אַרויסגעוויינט. 2 שעה אָן אויפהער איז אָנגעגאַנגען די בלוטיקע אַרבעט. כדי וואָס גיכער צו פאַרענדיקן, האָט מען געשיקט ברענגען נאָך אַ מאַשין־געווער. ווייל די מערדער האָבן זיך געאיילט צו דער אָנגעגרייטער סעודה.

דאָס געבראַכטע מאָרד־געצייג האָט מען באַשנירט מיט לאַנגע לענטעס קוילן, און איצט האָט מען שוין ביי די ראַנדן פון די קברים געשטעלט צו 10 צאַפּלדיקע לעבנס, וועלכע זיינען אונטער אַ געניטער מערדער־האַנט געפאַלן ווי צייטיקע זאַנגען אונטער דער קאָסע פון שניטער. דאָס מאַשין־געווער האָט געשפּריצט מיט פייער און די קברים — מיט פרישן הייסן בלוט. אין די דריי גרויסע קברים זיינען געוואַקסן די הויפנס פון צאַפּלדיקע מענטשן. אַ שמע־ישראל האָט אַרומגעשוועבט איבער די קברים, פון וועלכע ס'האָבן זיך דערטראָגן שרעקלעכע קולות פון די נישט־דערקוילעטע האַלב־לעבעדיקע מענטשן. צום סוף האָט מען אַוועקגעשטעלט די יידישע מיליץ־לייט און די זעלבע מאַשין־געווער וואָס האָט פאַרשלונגען די גאַנצע עדה יידן, האָט געמאַכט אַ סוף צו די לעבנס פון די יידישע יונגעלייט וואָס האָבן אַזוי געגלויבט, אַז מען וועט זיי לאָזן לעבן.

די אוקראַינישע מיליציאָנערן האָבן גיך פאַרשאָטן די קברים, וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט צו וויינען. זיי אַליין האָבן נישט געקענט צוזען דעם שיידערלעכן בילד און פאַרקרימט די פּנימער פון עקל און פאַלשן רחמנות. דאַן האָבן זיך די תליונים ווי די היישעריקן געוואָרפן אויף די קליידער, באַטאַפּט, באַזוכט יעדן מלבוש און געשטעקט אין זייערע קעשע־נעס דאָס יידישע גאָלד און אַנדערע ווערט־זאַכן. זיי האָבן גיך אויפגעלאָדן די קליידער אויף אויטאָס און אַוועקגעפאָרן, איבערלאָזנדיק דער ערד אַ מתנה: דריי פרישע וויינענדיקע קברים, וועלכע האָבן זיך געהויבן ווי צעוויגטע כוואַליעס. דאָרט אין די קברים אונטער דער ערד האָבן זיך געפלאָכטן מענטשלעכע גלידער, געריסן, געביסן איינער דעם אַנדערן, נישט געפינענדיק קיין רו. די קברים האָבן געקרעכצט און געוויינט...

גרויסע מחנות שוואַרצע קראָען, וועלכע האָבן דערשפּירט דעם ריח פון בלוט, האָבן אַרומגעשוועבט, ווי צעפלאַטערטע שוואַרצע פענער.

## ד. ווען טויטע דערוואַכן.

אויף מאָרגן האָבן די פויערים פון שכנותדיקן דאָרף געהערט פון דער־ווייטנס מענטשלעכע געוויינען און קרעכצן. אויפן דריטן טאָג האָבן דורכ־גייער ווידער געהערט די געוויינען און זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז דאָס וויינען די האַלב־לעבעדיקע מענטשן־קינדער אין די שלעכט ־ פאַרשאָטענע קברים.

עמזעלבן טאָג האָבן עטלעכע פויערים אויפגעזוכט דעם יידן דור עפשטיין און אים דערציילט, וואָס מען זעט ביי די קברים און אַז מען האָט דערקענט זיין 17־יאָריקע טאָכטער, וועלכע האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון קבר און גערופן נאָך הילף. מען איז גלייך אַהין אַוועק און באמת געפונען אַ לעבעדיקע דור עפשטיינס טאָכטער און נאָך 2 קינדער, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן סמנים פון לעבן. די קינדער זיינען אָבער אויף מאָרגן געשטאָרבן. דאָס מיידל האָט נאָך געלעבט אַ וואָך צייט. זי האָט דערציילט, וואָס עס האָט זיך געטאָן אונטער דער ערד, ווי אַזוי די לעבעדיקע מתים האָבן זיך געשטופּט, איינער דעם אַנדערן געביסן און מיט די נעגל איינער דעם צווייטן די הויט געריסן. אויסערדעם האָט זי איבערגעגעבן דעם פאַר־לויף פון דעם בלוטיקן שפּיל.

די וויינענדיקע קברים געפינען זיך אונטערן שטעטל סקאַלאַט אין ווייטן פעלד. און כאָטש זיי זיינען אויף אייביק פאַרשטומט געוואָרן, דאָך שרייט און דערציילט דער אָרט, און נאָך צענדליקער און הונדערטער ערטער אַזוינע. — זיי שרייען, דערציילן און מאָנען פיל, גאָר פיל...

די וויינענדיקע קברים האָבן פאַר אונדז נאָך ניט אויפגעהערט צו וויינען.

———

יוסף קאם

# אַרבעטס־לאַגער מיעלעץ

מיטגעטאַ־בעט פֿון צבי קאם

דעם 19. 6. 1942 זיינען מיר אָנגעקומען אין ס.ס. אַרבעטס־לאַגער מיעלעץ. (דיסטריקט קראָקע). דער אַרבעטס־לאַגער איז געווען באַשטימט נאָר פֿאַר יידן און האָט זיך געפֿונען אויפֿן שטח פֿון דער היינקעל־אַעראָפּלאַנען־פֿאַבריק. ביי מיין אָנקומען איז די צאָל יידן אין לאַגער געווען ביי אַ 100. אין פֿאַבריק גופא האָבן געאַרבעט אַן ערך 5000 פּאָליאַקן און 500 דייטשן; די פּאָליאַקן און דייטשן פֿלעגן יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט אַוועקגיין צו זיך אין די הייזער; די יידן אָבער האָבן זיך געמוזט צוריקקערן אין זייערע לאַגער־באַראַקן. די אַעראָפּלאַנען־פֿאַבריק איז געווען זייער מאָדערן איינגעאָרדנט און זאָל האָבן פֿאַר דעם קריג געווען די גרעסטע פּוילישע אעראָפּלאַנען־פֿאַבריק. די יידן האָט מען דאָ איינגעטיילט אין 2 קאַטעגאָריעס לויט זייער אַרבעט: פּראָדוקטיווע יידן, ד.ה. די וועלכע זיינען געווען באַשעפֿטיקט ביי דער פּראָדוקציע גופא און אומפּראָדוקטיווע דאָס זיינען געווען די „הילפֿס־אַרבעטער“, וועלכע זיינען געווען באַשעפֿטיקט ביי גאָרטנאַרבעט, טראַנספּאָרט א.א.וו. אויך די יידן וועלכע זיינען געווען באַשעפֿטיקט אין גוט בערדעכאָוו, וואָס האָט געהערט צו דער פֿאַבריק, זיינען געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אומפּראָדוקטיווע אַרבעטער.

דאָס עסן איז געווען שרעקלעך שלעכט. די פֿאַבריקס־קיך האָט געקאָכט דרייערליי עסן:

1. פֿאַר דייטשן, פֿון 2 שפּייזן־ערשטקלאַסיקעס עסן. 2. פֿאַר פּאָליאַקן־אַ זופּ, אַ מיטלמעסיקעס עסן. 3. פֿאַר יידן־אַ זופּ אָבער נאָר פֿון אָפּפֿאַל און וואָס מען האָט שוין צו עפּעס אַנדערש נישט געקענט פֿאַרוויענדן. מאַנאַטן נאָך דער ריי איז געווען נאָר ווערימדיקער קרויט־אָפּפֿאַל, גראָז און פֿאַר־פֿוילטע קאַרטאָפֿל, צעשנטן מיט דעם שאָלעכץ. דאָס עסן האָט אָפֿט שרעקלעך געשטונקען, און אפֿילו דעם סאַמע הונגעריקסטן האָט דערפֿון געעקלט.

דער לאַגער איז דאַן געווען אונטער דער ליטונג פֿון אַ פּאָליאַק פּאַלעראָווסקי. זיין שטעלע אַלס לאַגער־פֿירער האָט ער געוואָלט אויסנוצן נאָר כדי גיך און לייכט צו רייך ווערן. נאָך אַ 12 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, ווען מען פֿלעגט שוין ענדלעך אָנקומען אין לאַגער, האָט מען נאָך געמוזט שעהנלאַנג זיצן מיט פֿאַרקרייצטע פֿיס אויפֿן אַפּעל־פּלאַץ, אין זונטיק טעג —

כמעט אָן איבעררײַס דעם גאַנצן פּאַרמיטאָק. אינדערצײַט פלעגט פּאַלעראָװסקי דורכזוכן אַלע באַראַקן און אַלץ נישטערן צו געפינט זיך נישט דאָרט עפּעס אַזוינס, װאָס מען װאָלט געקענט מיטנעמען. אַלע אָנגעקומענע ײדן (עס זײַנען דאַן כסדר אָנגעקומען נײַע טראַנספּאָרטן) פלעגן גענוי דורכגעזוכט געװאָרן און מע' האָט בײַ זײ צוגענומען אַלצדינג װאָס האָט נאָר געהאַט דעם מינדעסטן װערט. די פּאָסט איז געװאָרן קאָנטראָלירט. די פּאַקעטן געעפנט און צום גרעסטן טײל צוגענומען. פאַר זײַן צײַט זײַנען פאָרגעקומען די ערשטע דערשיסונגען. עס האָט זיך געהאַנדלט װעגן 2 ײדישע ײנגלעך, װעלכע זײַנען פון פּאַלעראָװסקי געװען פאַרדעכטיקט אין װעלן אַנטלויפן. ער האָט זײ געלאָזן אַרעסטירן און איבערגעגעבן דער געשטאַפּאָ צום דער־שיסן. שוין פריער האָט פּאַלעראָװסקי געשיקט 5 ײדן אין פאַרניכטונגס־לאַגער פּוסטקאָװ אויף אַ הונדערט פּראָצענטיקן טויט, װי אַ שטראָף פאַרן אַנטלײַפן פון אײן ײ״.

אין אָקטאָבער 1942 האָט די פאַרפּלעגונג כסדר גענומען גײן אויף ערגער. אינדערצײַט װאָס פריער האָט מען יערן געגעבן אַ ברויט פון 2 קילאָ אַ װאָך, האָט מען איצט פאַרקלענערט די ראַציאָן אויף 180 גר. פּראָ מאַן. בײַ דער שװערער אַרבעט, װאָס פיל לאַגער־מענטשן האָבן געמוזט שאַפן, איז צו לעבן פון דער רעגולערער צוטײלונג פולשטענדיק אוממעגלעך געװען. יעדן אײנעמס זאַכן, װעלכע מען װאָלט אין פאַבריק געקענט פאַרקויפן די פּאָליאַקן, האָט שוין פּאַלעראָװסקי צוגענומען. ניט האָבנדיק קײן אַנדער אויסװעג צו דערהאַלטן זײער לעבן, האָבן די ײדן געמוזט מיט פאַרשײדענע מיטלען און קאָמבינאַציעס זיך שאַפן װעלכע אַנדערע זאַכן כאָטש דאָס איז געװען פאַרבונדן מיט טויט־שטראָף.

די אכזריותדיקע באַציאונג צו די לאַגער־מענטשן איז געװאַקסן פון טאָג. די „װערק־שוץ", װעלכע איז באַשטאַנען צום גרעסטן טײל פון שלעזיער, פלעגט מיטן אויסרײד פון פויל זײַן בײַ דער אַרבעט יעדן טאָג מיט אַ גומי־קנוט מכבד זײַן אַ ביסל ײדן (זײער אָפט אויך 20־30 מאַן) מיט די באַרימטע 25 אויפן אָחור. די דײַטשישע, און אָפט אויך פּױלישע, מײַסטערס און פאָראַרבעטער האָבן אויף דעם געגעבן פיל מאָל אַריבערגעשטיגן די געשטאַפּאָ. מען האָט געשלאָגן ײדן בײַ דער אַרבעט מיט אַ תירוץ אָדער אָן אַ תירוץ, אַלץ לויט דער שטימונג פון באַטרעפנדן מײַסטער. דאָס שלאָגן איז בײַ די אַלע הערן געװען אַ ספּאָרט. אָפט פלעגן מײַסטערס פאַרלאַנגען פון ײדן אוממעגלעכע „לײַסטונגען", כדי נאָר צו האָבן אַ גוטן תירוץ צו שלאָגן. באַזונדערס באַליבט איז בײַ זײ געװען פריער שלאָגן ביז האַלב־טויט און נאָכדעם איבערגעבן דעם קרבן די „װערק־שוץ" אונטערן תירוץ פון „אַרבעט־פאַרװײגערונג", װעלכע פלעגן באַלד מקיים פּסק זײַן מיט די „25".



פּלאַן פֿון אַרבעטס - לאַגער מיעלעץ

צוליב מאַנגל אין אָרט איז נישט אָנגעגעבן דער שטעכלדראָט אַרום דעם לאַגער.

אָבער אויך אין לאַגער גופא האָט די יידישע אָרדענונגס־דינסט נישקשה באַוויזן די יידן. דער דעמאָלטדיקער אָרד.־דינסט־קאָמענדאַנט כילאָוויטש האָט פאַר דער צייט פון זיין 5 מאָנאַטיקער טעטיקייט דערשלאָגן צום טויט ווייניקסטנס 5 יידן, אויך דאָס רוב אָרדענונגס־לייט זיינען אין דעם זין ניט אָפּגעשטאַנען פון זייער קאָמענדאַנט. צום אַפּעל פלעגט כילאָוויטש דריי מאָל אַ פייף טאָן, און די אַלע אָרדענונגס־לייט פלעגן זיך באַלד אַ וואָרף טאָן אין די באַראַקעס אַרײַן און מיט אַ מבול קלעפּ אַרויסטרייבן די מענטשן. עס מוז דערביי באַמערקט ווערן, אַז אין דער פרייער צייט זיינען כסדר געווען אַפּעלן. אָפט פלעגט מען אַלע גרופּעס, וועלכע זיינען שוין צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, אויסשטעלן אויפן אַפּעל־פּלאַץ און דאַן פלעגט קומען די קאָמאַנדע „קערט מאַרש", און מען האָט זיך געמוזט צוריקקערן צו דער אַרבעט, אָפט ביז 11 אַ זייגער ביינאַכט. אינדערפרי האָט מען געוועקט האַלב פינף אַ זייגער. זוי איז געווען צו דעם, וועלכער איז ניט גלייך ארויסגעשפרונגען פון בעט. דער אָ.ד.־מאַן ראָזענצווייג, אַן אויסער־געוויינלעכער סאַדיסט, האָט אָנגענומען אַזאַ מעטאָדע: ער פלעגט אַריינקומען אין באַראַק, גאַנץ שטיל אויסרופן: „אויפשטעהן", און דאַן מיט איינמאָל אויפן קול: „וואָס איר ווילט ניט אַרויס?!" — און איידער מען האָט נאָך באַוויזן אויפצושטיין פון בעט, איז ער שוין ארויפגעפאַלן אויף די מענטשן און געטיילט קלעפּ אויף אַלע זייטן, אומגעוואָרפן די בעטן, באַגאָסן מיט וואַסער די יידן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אין אָנטאָן. אויפן זעלבן אויפן האָט ער געהאַנדלט ביי יעדער געלעגנהייט.

זונטיק איז געווען דער ערגסטער טאָג פאַר די לאַגער־מענטשן. אַזוי ווי אין דעם טאָג האָבן דאָס רוב אָפּטיילונגען פון פאַבריק ניט געאַרבעט, זיינען די יידן געבליבן אין די באַראַקעס. די געלעגנהייט האָבן די אָ.ד.־מענער באַנוצט צו קענען ווי געהעריק סקאַנדאַלעווען. מען האָט געכאַפּט יידן און זיי געשיקט צו דער אַרבעט. ביים אויסשטעלן זיי דערביי צום אַפּעל פלעגן געוויינלעך ניט פעלן קיין קלעפּ.

ענדלעך אָבער האָבן די פּאָליאַקן אָפּגעמסרט זייער פּאַלעראָווסקען. די דייטשן האָבן געמאַכט ביי אים אַ הויז־זוכונג און געפינען פאַר הונדערטער טויזנטער זלאָטעס זאַכן און געלט, וואָס ער האָט פון די יידן צוגענומען פאַ־זיך. אָנשטאָט עס אָפּצוגעבן דער געשטאַפּאָ. מען האָט אים אַרעסטירט און פון דאַן אָן שוין מער פון אים ניט געהערט.

איצט האָט אַ פּוילישער ריכטער נאָוויצקי איבערגענומען דעם לאַגער. כמעט גלייכצייטיק מיט זיין קומען איז אויסגעבראָכן אַ שטאַרקע טיפוס־עפּידעמיע. פון די איבער 600 יידן אין דעצעמבער 1942 פלעגן אין לאַגער כסדר־ל׳גן קראַנק ביי 100. דאָס אָרט פאַר די קראַנקע איז געווען אין די אַזוי גערופענע „אינפעקציאָנס־שטובן", אין זייער שמוציקע באַדינגונגען, אויף נאַרעס



אין אַ לאַגער. מען ציט דעם קעסל זופּ.

מיט איין דינער דעקע אין די פּראָסטיקע יאַנואַר־טעג 1943. דער פּאַראַנט־וואָרטלעכער פאַרן צושטאַנד אין לאַגער איז געווען מאַיאָר שטיין. ער איז געווען דער אָבער־שעף פון „ווערק־שוץ” און גלייכצייטיק אָבער־שעף פון יידן־לאַגער. דער האַר איבערן לעבן און טויט פון אַלע לאַגער־מענטשן. ער האָט באַפוילן דעם ריכטער נאָוויצקי צו באַקעמפן די טיפוס עפּידעמיע דורך דערשיסונגען. נאָוויצקי, אַן אַלטער מאַן. וואָס האָט אָן אַ שטעקן זיך ניט געקענט רירן, איז דעם גאַנצן טאָג אַרומגעקראָכן איבער די קראַנקן־שטובּ. אין עס־זאַל און אַפּעל־פּלאַץ און אויפגעשריבן יע־ן. וועמענס אויסזען ס'איז אים ניט געפעלן, דערביי דאַרף באַמערקט ווערן, אַז יעדער ייד האָט געהאַט

אויפן רוקן אַן אָפּגעצייכנטן נומער. אויף אַזאַ אופן האָט נאָוויצקי געקענט די מענטשן אויפשרייבן און זיי האָבן דערפון אַפילו ניט געוווּסט. אויפן צווייטן טאָג פלעגט קומען אין לאַגער דער באַקאַנטער „בערדעכאָווער וואָגן“; מען פלעגט אויפזוכן די אויפגעשריבענע יידן און ביי דער גרעסטער קעלט זיי הייסן זיך אויסטאָן. דאַן פלעגט יעדער קריגן אַ ליילעך און מען פלעגט זיי פאַרלאָדן אויפן וואָגן. ווער עס האָט נאָר איינמאָל אָנגעקוקט די שווערדיקע געשטאַלטן ביי אַ 20 אָ־ער מער ווראַדיקן פראָסט, קען דאָס קיינמאָל אין לעבן ניט פאַרגעסן. אַנדערע האָבן פרובירט זיך אַרויסדרייען. אָבער די „ווערק־שוץ“ האָבן קיין איינציקן ניט געלאָזן פאַרשווינדן. די גריבער זיינען שוין געווען פריער צוגעגרייט פון אייגענע יידן. ווער עס האָט ניט געוואָלט גראָבן די גריבער, איז דערשאָסן געוואָרן גלייך מיט די אַנדערע אומגליקלעכע קרבנות. דער אָרט פון די מאַסן־קברים איז געווען אַ פעלד אין שכנות פון בערדעכאָווער פלי־פלאַץ. און איז פון די לאַגער מענטשן אָנגערופן געוואָרן „בערדעכאָווער לאָנקע“. די יידן פלעגן מיטן וואָגן געבראַכט ווערן אויף דעם פעלד, פלעגן מוזן ביים פאַרטיקן קבר זיך אַנידערקניען, און דאַן פלעגט זיי די „ווערק־שוץ“ דורך „געניק שוס“ פאַרטיק מאַכן. נאָך יעדער אַזאַ אַקציע פלעגן אייגענע יידן מוזן פאַרשיטן די קברים.

אומגעפער אין מיטן יאַנואַר, ווען 250 יידן זיינען אויף דעם דערמאָנטן איפּן אומגעבראַכט געוואָרן (אַלגעמיינע צאָל יידן ביים אָנהויב פון דער טי־פוס־עפּידעמיע — ביי איבער 600), איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן אויף טיפוס דער לאַגער־פירער אַליין, נאָוויצקי. און אין דריי טעג אַרום געשטאָרבן. אַלס זיין נאָכפאָלגער איז באַשטימט געוואָרן דער „ווערק־שוץ“־מאַן דראָזדוש פון קאַטאָוויץ. אין אָנהויב איז דאָס געווען אַ געוואַלטיקע בעסערונג, ווייל די דערשיסונגען האָבן כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט. די שרעקלעכע דערשיטערונג, וואָס האָט געהערשט אין לאַגער אינדערצייט פון די דערשיסונגען, האָט נאָכגעלאָזן. דער לאַגער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. דראָזדוש האָט זיך באַמיט צו צוימען דעם פאַרלאַנג פון מאַיאָר שטיין אויסצוהונגערן און אויסצושיסן די יידן. אין אַ 2 חדשים אַרום איז דראָזדוש געוואָרן באַשטימט אַלס „אָבער־ווערק־שוץ־מאַן“ און צוליב דעם איז אַפּנים געשטיגן ביי אים דער חשק צו אַוואַנסירן. אויסערדעם האָט ער אויך אָנגעהויבן טרינקען. דערצו פלעגן אים נאָך כסדר די דייטשע מייסטערס און אויפזעערס ברענגען פאַרשיידענע אָנ־קלאַגעס. דאָ האָט אַ ייד געגנבעט קאַרטאָפל. דאָרט האָט אַ ייד געקויפט ברויט. ווידער האָט אַ ייד ניט גוט גענוג געאַרבעט. עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן דערשיסונגען. אַלס פועל יוצא האָבן יידן ווידער אָנגעהויבן לויפן פון לאַגער. דאַן האָט מען פאַר יעדן אַנטלאָפענעם גענומען דערשיסן צוערשט 5 און שפּעטער 10 יידן. דראָזדוש אַליין האָט אָנגעפירט מיט די דערשיסונגען. ער פלעגט די קרבנות ברענגען קיין בערדעכאָוו און זיי דאָרט גלייך אַליין

דערליידיקן. די לאַגע האָט זיך נאָך מער פאַרערגערט, ווען די לייטונג פון דער ואַנצער פאַבריק האָט איבערגענומען די געשטאַפּאָ. פאַר די קלענסטע זינד וועלכע אַ ייד זאָל האָבן באַגאַנגען האָט געמיזט ווערן געמאָלדן דער געשטאַפּאָ, און דאָס האָט זיך אַלע מאָל געענדיקט מיט דערשיסונג. ביים אַנטלויפן פון אַ ייד, האָט דאָס גאַנצע לאַגער זיך געמוזט פאַרזאַמלען און די געשטאַפּאָ האָט זיך אויסגעזוכט 20 מאַן צום דערשיסן. נית איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז זיי האָבן שוין פאַרן זעלבן חשבון גענומען נאָך עטלעכע. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן דאָס געפיל פון די לאַגער־מענטשן, ווען די געשטאַפּאָ איז ארומגעגאַנגען דורך די רייען און גערופן: „קאָם, קאָם!" ביי די דערשיסונגען האָט זיך באַזונדערש אויסגעצייכנט אַ געוויסער צימערמאַן, וועלכער האָט מיט פאַרגעניגן אָנטייל גענומען אין די סעלעקציעס און דאָס רוב נאָך אויסגעזוכט מער מענטשן. ווי דאָס איז געווען נויטיק. די דערשיסונגען זיינען צום גרעסטן טייל דורכגעפירט געוואָרן פון מיעלעצער געשטאַפּאָ־שעף טאָנמייער און „ווערק־שוץ"־לייטער שטיין אָדער פון די פאַבריק־מייסטער.

אין סעפּטעמבער 1943 איז מיעלעצער לאַגער אייסגעוואַקסן ביז 1500 יידן. אַהער זיינען אַלץ צוגעקומען נאָך יידן פון די אַנדערע שכנותדיקע קלענערע לאַגערן, וועלכע זיינען ליקווידירט געוואָרן. דער לאַגער איז דאַן איבערגענומען געוואָרן פון דער ס"ס. צווישן די יידן זיינען אויך געווען 150 פרויען, וועלכע זיינען קורץ פאַר דעם איבערנעמען אָנגעקומען אין לאַגער. דאָס איז געווען דער איינציקער פרויען־טראַנספּאָרט (אויסער 20 פרויען אין אָקטאָבער 1943), וועלכער איז געשיקט געוואָרן קיין מיעלעץ.

ביי דעם איבערנעמען פון די ס.ס. האָבן זיך אַלע זייער געשראָקן. די נייע אָרדענונג האָט אָבער געמאַכט אַ סוף צו דעם שלעכטן צושטאַנד פון לאַגער, וואָס האָט געקענט ברענגען צו אַ פולשטענדיקער אויסראָטונג פון די יידן. דאָס ביז איצטיקע עסן, וואָס איז געקאָכט געוואָרן פון לויטער אָפּפאַל און איז אַפילו פאַר פי־פוטער געווען צו שלעכט, האָט אָנגעהויבן צו ווערן בעסער. דער לאַגער האָט באַקומען אַן אייגענע קיך (ביז דאַן פלעגט מען פאַר די יידן קאָכן אין פאַבריק־קיך), און האָט געקראָגן די נויטיקע לעבנס־מיטל דירעקט פון ס.ס.־מאַגאַזין אין פוסטקאָוו. עס איז געווען נים פיל. אָבער ווייניקסטנס עכטע לעבנסמיטל און נים בלויז אָפּפאַל. דאָס איצטיקע עסן איז נאָך אויך געווען ווייט נים גוט, אויסערגעוויינלעך וואַסערדיק, אָבער עס האָט נים געשטונקען און מען האָט עס געקענט עסן.

די געשטאַפּאָ האָט שוין מער נים געהאַט צו באַשטימען אין די יידישע ענינים. דאָסגלייכן אויך דער „ווערקשוץ"־לייטער מאַיאָר שטיין, אגב איז דער מאַיאָר שטיין (אַנגעהעריקער פון דער ווערמאַכט) — וועלכער פלעגט יעדע פאַר וואָכן אַרומיאָגן די יידן איבערן הויף כדי צו זען, ווער עס קען שוין מער נים ריכטיק גיין אייף די פיס, און זיי גלייך דערשיסן. — איז דער־

זעלבער מאַיאָר ענדע 1943 צוליב אַ גנבה געוואָרן אַנטזאַגט און אויף זיין אָרט איז געקומען אַן אַנדערער. דער ס. ס. הויפּטשאַרפירער הערינג, וואָס האָט איצט איבערגענומען דעם לאַגער איז געווען אַן אַטלעטישע פיגור. מען האָט וועגן אים געזאָגט, אַז ער האָט שוין דערליידיקט ניט ווייניק יידן־לאַגערן צווישן וועלכע ס'זאָל אויך האָבן געווען אַ גרויסער יידישער אַרבעטסלאַגער אין דער געגנט פון פשעמישל. זיין גרויסער הונט פלעגט די טויט־פאַרמשפּטע באַגלייטן און זיי צעבייסן ביז האַלב־טויט. דאָס פליסן פון יידיש בלוט האָט שוין הערינג אַפּנים איבער גענוג זיך אָנגעזען, דאָ האָט ער זיין סאַדיזם אויסגעלאָזן אין שלאָגן. ער איז געווען גליקלעך, ווען ער האָט געקענט אַ יידן אַריינצייל ן אַ 100־ער מיטן קניפּ, און דערנאָך אַרויסלאָזן זיין הונט אויפן קרבן. די 100 קלעפּ פלעגן ביי אים דויערן פון 2 ביז 3 שעה און ער האָט עס אַליין דורכגעפירט ביי זיך אין ביוראָ. דער דאָקטאָר האָט דעם צעשלאָגענעם געמוזט אין 3 טעג מאַכן אַרבעטס־פעיק. פאַר יעדער קליי־ניקייט האָט ער געשלאָגן מיטן שטאָק — צי פאַרן האָבן געלט (אַפילו קליין־געלט). פאַר גנבענען קאַרטאָפל, פאַרן בייטן עפּעס, פאַר איינשלאָפן ביי דער אַרבעט א. א. וו. מיט טויט־שטראָף האָט הערינג באַשטראָפט נאָר אַ 6 יאָריקן קינד, וועלכעס די עלטערן האָבן מיט אומגעהויערע געפאַרן אויסבאַהאַלטן אַנדערהאַלבן יאָר אין לאַגער און 2 יידן וועלכע מען האָט געכאַפּט אין וואַלד.

אַן ערך אין 6 חדשים אַרום, אין פעברואַר 1944, איז הערינג אַריבערגעפירט געוואָרן קיין קראָקע און אויף זיין אָרט איז געקומען אָבערשאַרפירער שוואַמבערגער. ער האָט געבראַכט אַ פרוי און אַ קינד און 3 פולע אויטאָס מעבל. ער האָט באַפוילן צו אויסבויען ביים אַריינגאַנג פון לאַגער אַ נייעם באַראַק וווּ ער האָט באַזעצט אַ קאָמאַנדע אוקראַינישע ס. ס. וועלכע האָבן איבערגענומען די באַוואַכונג פון לאַגער. מיט דער וואַך־קאָמאַנדע האָט אָנגעפירט הויפּטוואַכמייסטער האַרטמאַן פון מאַין־געגנט. שוואַמבערגער אַ טיראָלער און האַרטמאַן — דאָס זיינען געווען די 2 ריכטיקע לייט. שוואַמבערגער איז פריער געווען אין פשעמישל און האָט דאָרט וואַרשיינלעך ליקווידירט 2 יידישע לאַגערן. ער האָט געבראַכט אין מיטלען אַ ריזיקע צאָל קאַסטנס און קערב פיל מיט אָנגערויבטן יידן־פאַרמעגן. אַרום 200 קליידער פאַר זיין פרוי 30 — 40 קאָסטיומען פאַר זיין 3 יאָריקן זון פערסישע טעפּיכער און אַנדערע שיינע זאַכן. ער האָט געהאַט הערלעכע מעבל און האָט געלעבט ווי אַ פירשט. זיין וווינונג איז געווען איינגעאָרדנט ווי ביי אַ מיליאָנער. ער האָט געהאַט אַ פּריוואַטע דראָזשקע מיט 2 הערלעכע שימל־פערד. ביי 10 לאַגערמענטשן זיינען געווען באַשעפטיקט ביים האַלטן אין אָרדענונג זיין וווינונג. שוואַמבערגערס איינציקער ציל איז געווען

— רייך ווערן. ער האָט געגנבעט פֿון לאַגער אויף רעכטס און לינקס. ער האָט זיך געוואָלט צוזאַמענרויבן אַ פֿאַרמעגן. וואָס זאָל אים קלעקן אויפֿן גאַנצן לעבן.

דער שרעקלעכסטער אומפֿאַרגעסלעכער טאָג אין לאַגער פֿאַר דער צייט פֿון שוואַמבערגער און הארטמאַן איז געווען דער 20־טער אַפּריל 1944. דראזדזש דער פֿריערדיקער לאַגער־פֿירער, וועלכער האָט נאָך געהאַט אין לאַגער פֿאַרשיידענע העכערע פֿונקציעס, האָט זיך אין יענעם טאָג טרויעריק באַרימט געמאַכט. דעם 19־טן אַפּריל האָט מען געמאָלדן דער לאַגערלייטונג, אַז אינדערצייט פֿון נאַכטשיכט זיינען 4 יידן אַנטלאָפֿן. אין לאַגער האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ שרעקלעכע פּאַניק. עטלעכע טעג פֿריער איז שוין אויך געווען איינער אַנטלאָפֿן און עס איז קוים געלונגען צו פּועלן ביי שוואַמבערגער און הארטמאַן, מען זאָל דערפֿאַר ניט באַשטראָפֿן קיין אומשולדיקע יידן. דאָסמאָל אָבער האָט שוואַמבערגער געוואָלט ניט אַנדערש באַשטראָפֿן. דעם 20־טן אַפּריל נאָך דער אַרבעט האָט אין לאַגער געהערשט אַן אויפֿפֿאַלנדיקע שטילקייט פֿאַר אַ שטורם. קיינער האָט ניט געוואַגט אַרויסצוגיין פֿון די באַראַקן. מען האָט זיך באַהאַלטן אונטער די נאַרעס אָדער אַנדערשוווּ. פּלוצלונג האָט מען דערהערט אַ שאָס, דאַן עטלעכע שאָסן, דאַן אַ הפסקה און ווידער עטלעכע שאָסן. דאַן איז געוואָרן שטיל. אין די ס. ס. באַראַקן האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוואַלטיקע זויפֿעריי, די העלדנטאַטן האָבן געמוזט באַגאָסן ווערן. אויסערדעם איז געווען היטלערס געבורטס־טאָג. די גאַנצע נאַכט האָט מען געהערט דאָס טומלען און שרײַען זינגען און שפּילן. קיינער איז די נאַכט אין לאַגער ניט געשלאָפֿן. יעדער האָט דערוואַרט באַלד צו הערן נייע שאָסן. יעדער איז געווען גרייט אויפֿן טויט.

אַ"ום 5 אַזייגער אינדערפֿרי האָט מען געהערט 2 שאָסן. האַלב 6 האָט געזאָלט זיין אַן אַפּעל, קיינער האָט אָבער ניט געוואָלט אַנטרעטן, ווייל מען האָט זיך געריכט אויף מאַסן־ערשיסונגען. די ס. ס. לייט האָבן אַרויסגעטריבן די מענטשן פֿון די באַראַקן. און דאָ האָט פּאַסירט אַ וווּנדער, אויף וועלכן קיינער האָט זיך ניט געריכט: דער אָפּמאַרש איז פֿאָרגעקומען אָן קיינע דערשיסונגען. קוים האָבן די אַרבעטנדיקע אָפּגעמאַרשירט אין פֿאַבריק, איז הארטמאַן מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט אַרומגעלאָפֿן איבער די באַראַקן, וווּ עס זיינען געווען די נאַכטשיכט־מענטשן און די באַשעפֿטיקטע אין לאַגער גופֿא, און ראָ באַשלאָסן זיך אָפּצורעכענען פֿאַרן לויפֿן פֿון לאַגער. ער האָט זיך ענדלעך אויסגעזוכט 8 קרבנות, ניט געקוקט אויף דעם. וואָס די יידן זיינען אַנטלאָפֿן פֿון דעם אַרבעטס־אָרט, האָט ער געמאַכט פֿאַראַנטוואָרטלעך 3 בלאָק־עלטסטע, ווייל די געלאָפֿענע האָבן ביי זיי געלעבט מאַבן פֿאַראַנטוואָרטלעך די דייטשע מייסטערס, וועלכע האָבן דאָך אייגנטלעך געדאַרפֿט אַכטונג געבן אויף די יידן. האָט מען דאָך ניט געקענט. אַזוי האָט

זיך הארטמאן אויסגעזוכט עטלעכע שוצלאָזע יידן. הארטמאַן האָט געגעבן א באַפעל צו אויפהענגען פאַר די אָרעמס די דריי בלאָק־עלטסטע און 1 אָרדענונגסמאַן. יעדער פון זיי איז געהאָנגען פון 20 ביז 30 מינוט. הארטמאַן איז די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרביסענעם פּנים הין און צוריק. די גאַנצע נאַכטשיכט האָט געמוזט צוזען די שוידערלעכע פאָרשטעלונג. נאָכן אַרונטערנעמען די קרבנות איז ווידער געוואָרן שטיל.

אַרום האַלבן טאָג האָט מען זיך בּיסלעכווייז דערוווסט די פּרטים פון דער נאַכטיקער שיסעריי און די קרבנות דערביי. דער פריערדיקער לאַגער־עלטסטער ביטקאַווער איז דורך עטלעכע רוקנשאָסן געווען דער ערשטער קרבן פון דראַזדזשן. אַ שוסטער, וועלכער האָט זיך באַהאַלטן אין וואַרשטאַט איז געפינען געוואָרן פון הארטמאַנס הונט און אַזוי צעביסן געוואָרן, אַ הארטמאַן האָט אים אַלס טובה דערשאָסן. 2 יידן האָט מען דערשאָסן אַ די באַראַקן, ווייל זיי זיינען צוליב אומפּאָרזיכטיקייט אָנגעקומען האַרטמאַנען אַנטקעגן. אַ גרויסע צאָל שאָס זיינען סך־רוב בלינד געגעבן געוואָרן אין די באַראַקן, דערביי איז אויך געווען 1 טויטער. צומאָרגנס האָט דראַזדזשן „דערלייזיקט" די פּרוי פון דערשאָסענעם ביטקאַווער, די בעסטע דאָקטאָרין פון לאַגער. קיינער פון די אומגליקלעכע קרבנות האָט ניט געוווסט וועגן די אַנטלאָפענע. זיי האָבן זיי אַפילו ניט געקענט. ביי דער אקציע האָט נאָך הארטמאַן געלאָזן אַרויסשלעפן עטלעכע יידן פון די בעטן און אַזוי זיך, אַלס שפּאַס, יעדן פון זיי מכבד געווען צו 30 קלעפּ מיטן גומיקניפּל.

נאָך דער אַקציע האָבן די יידן וואָכנלאַנג נאָך געציטערט ביים בלויז אָנבליק פון וואַכמייסטער הארטמאַן. מען האָט אויך אָנגעהויבן צו רייד אַז דער לאַגער זאָל ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. דער קלאַנג איז געוואָרן פאַרשפּרייט פון די אָנגעקומענע בודזינער יידן, וועלכע האָבן דערציילט, אַז אויך ראָרט איז דאָס זעלבע פאָרגעקומען. אַלע יידן זאָלן ראָרט האָבן געקראָגן געשטרייפטע העפטלינגס־קליידער. קעגן די ידיעה פון די פּעסימיסטן האָבן די אָפּטימיסטן געהאַט עפּעס גאָר אַן אַנדער נייס. אַז מיר וועלן אינגיכן באַפרייט ווערן דורך די רוסן, אַזוי ווי ס'איז קיין זאַך ניט געשען וואָס זאָל באַשטעטיקן די שאַפונג פון אַ קאַצעט. איז די באַפרייאונג צוליבן נעענטערן זיך פון דער רויטער־אַרמיי געוואָרן וואָס ווייטער מער וואַרשיינלעכער.

אין יוני 1944 איז פון פּלאַשאָוו קיין מיעלעץ געקומען אַ געוויסער הויפּטשאַרפירער לאַנדסבערגער. וועלכער האָט עס באַאַרבעט דאָ איבעראָרדענען דעם לאַגער אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. די שלעכטע ידיעה האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק. זיין אויפגאַבע איז געווען אין דער ערשטער ריי אַרומצוציימען דעם לאַגער מיט עלעקטרישע דראָט, אויפשטעלן וואַך־טורעמס, קוריץ, געבן דעם לאַגער אַן אויסזען פון אַ ריכטיקן קאַצעט. פריער זיינען

שוין אויך געווען וואַך־טורעמס. אָבער זיי זיינען נעווען געמאַכט נאָר פּראָ־פאָרמע. לאַנדסבערגער איז צוגעטראָטן צו זיין אַרבעט מיט טייוולאָנישן ברען. טאָג און נאַכט האָבן די יידן, אויסער זייער נאָרמאַלער טעגלעכער אַרבעט, געמוזט אַרבעטן איבערשעהן. אין 6 וואָכן איז דער לאַגער געוואָרן פאַרטיק.

אַן ערך 8 טעג פאַרן איבערגעבן דעם לאַגער צום קאַצעט פּלאַשאָוו איז אַ פערד פון לאַגערפירער שוואַמבערגער, אַ פּרעכטיקער שימל, צוליב דער אומפאָרזיכטיקייט פון אַ פּאָר יידן אַרויפגעלאָפן אויף די עלעקטרישע דראָטן און געטויט געוואָרן. ווידער איז דעם לאַגער באַפאַלן אַן אימה. מען האָט זיך געריכט אויף אַ נייער אַקציע. צום גליק האָט זיך אָבער שוואַמבערגער געלאָזן ווייך מאַכן, ווען מען האָט אים געקויפט אויף די קאָסטן פון לאַגער אַן אַנדער פערד.

דעם 12־טן יולי 1944 איז פאָרגעקומען דאָס איבערגעבן פון לאַגער. אויפן אָרט פון שוואַמבערגער איז לאַנדסבערגער געוואָרן דער לאַגער־קאָמענדאַנט. אלס פירער פון דער ס. ס. באַוואַכונגס־קאָמאַנדע איז באַשטימט געוואָרן אַ געוויסער אָבערשאַרפירער פויאר, אַ מאַסנמערדער פון פּלאַשאָוו, וועלכער האָט דערשאָסן ווייניקסטנס 54 טויזנט יידן. מען האָט איבערגעטאָן די יידן אין העפטלינגס־קליידער. פון פּלאַשאָווער לאַגער איז געקומען אַ נייער יידישער לאַגער־עלטסטער יורקע וועלכער איז געווען איינער פון די אַנשטענדיקסטע לאַגער־עלטסטע, וועלכן מיר האָבן געטראָפן. ער האָט אויס־גענוצט זיין גאַנצן איינפלוס ביי דער ס. ס. אויסשליסלעך פאַרן וווּל פון די יידן.

די גרויסע שרעק אַז דורך דעם איבערנעמען פון לאַגער וועט זיך די לאַגע ראַדיקאַל ענדערן צום שלעכטן, האָט זיך נים באַרעכטיקט. פאַרקערט ס׳האָט זיך אין אַ סך זאַכן פאַרענדערט צום גוטן, מיט עסן און באַהאַנד־לונג איז בעסער געוואָרן. די מייסטערס אין פאַבריק איז פאַרבאָטן געוואָרן שלעכט צו באַהאַנדלען די יידן. וואָס דאָס האָט אַזוי פיל געקאָסט דאָס געזונט פון יידן און נים ווייניק – אויך דאָס לעבן.

דעם 24־טן יולי 1944 איז געקומען דער באַפעל פון עוואַקויִרן דעם לאַגער. די רוסן האָבן זיך דערנענטערט. אין טאָג פון דער עוואַקואַציע זיי־נען זיי שוין געשטאַנען 35 קמ. פון מיעלעץ. מען האָט אַרויסגעגעבן אַ באַ־פעל אַלץ צו פאַרפּאַקן און זיין גרייט צום מאַרש. מען האָט אַרויסגעגעבן פאַרפלעגונג אויף 2 טעג, אויסגערוימט דעם מאַגאַזין און פאַרפּאַקט דאָס אַלץ אין 2 וואַגאָנעס, דאַן האָט מען פאַרלאָדן די יידן אין וואַרטנדיקן צוג צו 70 מאַן אין אַ וואַגאָן, 6 אַזייגער אינאָווענט איז דער טראַנספּאָרט אָפּגע־גאַנגען. ביי דער שרעקלעכער היץ האָט קיינער נים געקענט עסן. וואַסער

איז נים געווען. דער וואַגאָן אין וועלכן מיר זיינען געפאָרן האָט געהאַט נאָר איין קליין פענצטערל מיט דראָט. און מען האָט קוים געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען. איינער איז געלעגן אויפן צווייטן. יעדע שעה האָט עמעצער געחלשט. אַרויסגיין האָט מען נים געקענט. אין קאָנסערוון־פּושקעס האָט מע דערלייריקט די באַדערפעניש און דאַן אויסגעגאָסן דורכן פענצטער. אָבער ווי איז שוין געווען, ווען דער ס. ס. מאַן האָט דערבײַ באַמערקט. זיי האָבן דאַן גלייך אַרײַנגעשאָסן אין וואַגאָן. צום גליק האָבן מיר שוין אויפן צווייטן טאָג נאָכמיטאָק דערגרייכט דעם ציל פון דער רייזע, דעם קאָמאַנדע־לאַגער פון קאַצעט פלאַשאָוו־וויעליטשקאַ (פּוילן) און די צאָל טויטע איז געווען נאָר פון 2 ביז 3.

דאָס איז געווען דער סוף פון לאַגער מיעלעץ. די עטלעכע נים טראַנספּאָרט־פעיקע קראַנקע זיינען פון אָבערשאַרפירער פויאר דערשאָסן געוואָרן איידער דער צוג איז אָפּגעפאַנגען קיין וויעליטשקע. אין עטלעכע טעג אַרום זאָלן פּאַרטיזאַנער האָבן דעם לאַגער אונטערגעצונדן. 14 טעג נאָך אונדזער אָפּטראַנספּאָרטירונג האָט דער דייטשער אַרמיי־באַריכט געבראַכט פאָלגנדיקע נאָטיץ: „נאָך האַרטע קאַמפן איז די אַעראָפּלאַנען־פאַבריק אין מיעלעץ איבערגעלאָזן געוואָרן דעם פײַנט." אין 14 טעג אַרום...

---

פאַרצייכן די לידער. וועלכע זיינען געזונגען געוואָרן אין די נאַצי צייטן אין די געטאָס לאַגערן בײַ די פּאַרטיזאַנער א.א.וו.

פאַרצייכן די וויצן, ווערטלעך. לעגענדעס, אַנעקדאָטן פאַרויסזאָגונגען, וואָס האָבן קורסירט אין יענער צייט.

ווען מעגלעך. גיב אָן אויך דעם נאָמען פון מחבר. אָרט און דאַטע פון שאַפונג.

דאָס אַלץ שיק אַריין אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע, וועלכע היט עס אויף און פאַרעפנטלעכט אין דרוק.

אונדזער אַדרעס:

*Historische Kommission*
*beim Zentral Komitte der befreiten Juden*
*in der Amerikanischen Zone*
*München, Möhlstr. 12a.*

דר. מרדכי שאַטנער

# נאַצישׂ ערנוואָרט

(פון פשעמישלער געטאָ)

פון 18־טן נאָוועמבער 1942, נאָך דער צווייטער אַקציע אין פשעמישל, איז שוין דאָס געטאָ געוואָרן באַשטימט נאָר פאַר ניט־אַרבעטנדיקע, ביי 4500 פערזאָן. די 1000 מענטשן, וועלכע האָבן נאָך געאַרבעט אין פאַרשיידענע וואַרשטאַטן אין די קאַזאַרמעס זיינען געווען קאָנצענטרירט אין אַ צוואַנגס־אַרבעטסלאַגער (ס.ס.) וואָס האָט זיך געפונען אַרום די זעלבע קאַזאַרמעס, אין זעלבן לאַגער זיינען געווען ביי 300 אומלעגאַלע (קינדער. אַלטע און קראַנקע).

דאָנערשטיק, דעם 2־טן סעפטעמבער 1943 4 אַזייגער פאַרטאָג האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון געטאָ. עס איז פאַראָרדנט געוואָרן, אַז אַלע מוזן זיך צוזאַמענקלייבן אויפן געטאָ־פלאַץ. די יידן האָבן זיך באַלד גענומען פאַרשטעקן אין די בונקערס און קיינער איז פריי־וויליק ניט געקומען. די דייטשן מיט דער הילף פון אַ לעטישן באַטאַליאָן אין פולער באַוואָפענונג האָבן צוזאַמענגעטריבן פון די בונקערס בערך 3500 יידן, זיי פאַרלאָדן אין וואַגאָנעס און אָפגעטראַנספּאָרטירט קיין אוישוויץ. דעם 3־טן סעפטעמבער האָט געשטאַפּאָ אין צוואַנגס־אַרבעטסלאַגער אויסגעקליבן 200 מאַן „פיר אויפרוימונגס־אַרבייטען" און דעם רעשט. בערך 600 מענטשן (אַרום 200 פון דעם לאַגער האָבן זיך שוין אויך געהאַט אויסבאַהאַלטן) אַוועקגעשיקט אין פאַרניכטונגס־לאַגער פון שעבניע.

דער געשטאַפּאָ האָבן אויף אַזאַ אופן געפעלט צום חשבון בערך 1200 מענטשן. זיי האָבן זיך ענערגיש אַ נעם געטאָן צום זוכן. שופּאָ (שוץ־פּאָליציי), סאַפּיערן פּאָליציי־הינט האָבן דורכגעאַקערט אַלע ווינקלען פון געטאָ און אַרבעטס־לאַגער. אויפגעריסן אַ סך הייזער מיט דינאַמיט און דערביי אַנטדעקט ביי 300 יידן. די געשטאַפּאָ האָט זיי קיין זאַך ניט געטאָן, נאָר צוזאַמענגענומען אין אַ בלאָק פון צוויי הייזער אַרומגעצוימט מיט שטאַכלדראָט און נאָמינירט דאָרט אַ יודען־ראַט, וואָס האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר די מענטשן. לויט די דערקלערונגען פון געשטאַפּאָ האָבן די יידן דאָ געדאַרפט בלייבן ביי 2 וואָכן און דערנאָך איבערגעשיקט ווערן אויף אַרבעט קיין שעבניע. די יידן האָבן זיך שוין געטרייסט און זייער זאמל־אָרט אפילו גערופן פּראָוויזאָרישע געטאָ.

די דייטשן האָבן אָבער פאַר דער צייט אַלץ געטאָן אויף אַרויסבאַקומען

פון זייערע באַהעלטענישן אויך די איבעריקע יידן. דאָ האָט דער געשטאַפּאָ־שעף פאַרעפנטלעכט, אַז די אַלע יידן, וועלכע ווילן זיך פרייוויליק מעלדן וועלן נאָר געשיקט אויף אַרבעט קיין שעבניע און האָבן ניט וואָס מורא צו האָבן. די זעלבע הבטחה האָט ער אויך פייערלעך דערקלערט דעם יודען־ראָט און דערביי אויך געגעבן זיין ערנוואָרט, אַז דאָס וואָס ער זאָגט צו וועט ער פעסט האַלטן.

אויפן סמך פון דער פייערלעכער הבטחה זיינען ביי 900 יידן אַרויס פון די בונקערס און זיך געמאָלדן צו דער אַרבעט. אַ טייל איז פון דעם לאַגער־קאָמענדאַנט שוואַמבערגער פאַר גרויסע געלטער איינגענומען געוואָרן אין לאַגער צווישן די, וועלכע זיינען באַשעפטיקט ביי די „אויפרוימונגס־אַרבייטן" אין דער גרעסטער טייל מענטשן זיינען איבערגעשיקט געוואָרן אין דעם דערמאָנטן פּראָוויזאָרישן געטאָ. עטלעכע טעג זיינען די יידן געלאָזט געוואָרן אין פאַרהעלטנסמעסיקער רו. דעם 10־טן סעפּטעמבער האָט שוואַמבערגער געמאַכט אַן אַפּעל אין זיין לאַגער און האָט, אחוץ געציילטע פּערזאָנען, אויסגעטיילט די אַלע, וואָס זיינען נאָך דעם 3־טן סעפּטעמבער אויפגענומען געוואָרן ביי אים, די אויסגעטיילטע האָט ער איבערגעשיקט אין דעם פּראָוויזאָרישן געטאָ.

דעם 11־טן סעפּטעמבער האָט דער געשטאַפּאָ־שעף בענעוויץ איינגעאָרדנט אין געטאָ אַן אַפּעל. קיינעם פון די מענטשן איז גאָר ניט איינגעפאַלן. אַז דאָ איז שוין געקומען זייער לעצטע שעה. זיי האָבן גאָר געמיינט, אַז מען שיקט זיי שוין אַריבער אויף אַרבעט קיין שעבניע. עס האָט זיך באַוויזן בענעוויץ אַליין צוזאַמען מיט 3 געשטאַפּאָ־לייט (רייכעל, טימע און בענעש) און צו זיי נאָך אַ פּאָר אוקראַינישע שוצמענער. דער געשטאַפּאָ־שעף האָט אַרויסגענומען אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר און האָט פון אים גענומען פּאָרלייענען. אין אַ פּאָר מינוטן אַרום האָבן שוין די אַלע אויפן פּלאַץ באַגריפן, אַז דאָס איז געווען פאַר זיי אַ טויט־אורטייל. די באַגרינדונג איז געווען, וואָס די אַלע יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און אויסגעמיטן די אויסזידלונג.

נאָכן פאָרלייענען דעם טויט־אורטייל האָט נאָך בענעוויץ אויסגעדריקט זיין פאַרלאַנג, אַז אַלץ זאָל דאָ גיין אין בעסטער אָרדענונג. מען זאָל ניט וויינען אָדער שרייען; עס וועט גאָרניט ווי טאָן, ווייל די עגזעקוציע וועט אויסגעפירט ווערן מיט אַ גענין־שוס. צו 50 מענטשן מוזן זיך אין אָרדענונג אויסטאָן און אָן געטומל צוגיין צום אָרט פון דער עגזעקוציע.

אַזוי איז אויך געווען. אין דער געביידע פון געוועזענעם געטאָ, וואָס מען האָט עס אַמאָל גערופן „צירק", האָבן זיך אויסגעטאָן צו 50 מענטשן און זיך נאַקעטערהייט דערנענטערט צום אָרט פון דער עגזעקוציע (לעבן דער תפיסה), וווּ עס האָבן שוין געוואַרט אויף זיי די 3 געשטאַפּאָ־לייט. שטיל

אָן טרערן. מיט אַ האַרטער אַנטשלאָסנקייט זיינען אַלע געגאַנגען צום טויט. אַנטמאַן פון פערקולין, אַ דאָרפס־ייד שטאַרק און הויך ביי 2 מעטער, האָט זיך ממש געריסן דער ערשטער צום טויט. צוזאַמען מיט אים זיין זון און פרוי און נאָך זיי — די אַלע אַנדערע.

6 שעה האָט געדויערט דאָס שיסן. יעדער שאָס האָט געהילכט און געשניטן אין די אויערן פון די יידן, וועלכע זיינען געבליבן אין דער קאַזאַרמע. דאָ האָט אַ מאַמע געוויינט: „דאָס שיסט מען עס איצט מיין קינד!" ניט איין שוועסטער האָט געפילט אַז דער הילכיקער שאָס טרעפט עס איר ברודער. מען האָט זיך געכאַפּט פאַרשטאָפּן די אויערן, - וואָס ווייניקער און שוואַכער הערן די שיסעריי!

באַלד מיטן פאַרענדיקן די שיסעריי איז אין הויף פון דער קאַזאַרמע געקומען דער געשטאַפּאָ־מאַן רייכעל און פאַרלאַנגט פון דעם קאָמענדאַנט שוואַמבערגער 2 מענטשן צום פאַרברענען די טויטע. די 2 יידן זיינען אים געגעבן געוואָרן: גרויער פון דאָבראָמיל און וועלפלינג פון פשעמישל. אויף מאָרגן האָט דער זעלבער פאַרלאַנגט נאָך 2 מענטשן, שוואַמבערגער האָט דאָסמאָל פאָרגעלייגט די יידן, אַז זיי אַליין זאָלן זיך אויסוויילן די 2, אַזוי ווי קיינער האָט דאָס ניט געוואָלט טאָן, האָט זיך שוואַמבערגער אַוועקגעזעצט אויפן קאַזאַרמע־הויף מיטן באַשלוס אַז די ערשטע צוויי יידן, וועלכע וועלן אַהער באַלד אַריינקומען, די גייען עס צום פאַרברענען די טויטע. צופעליק זיינען אָנגעקומען צוויי יונגע באַגאַבטע מוזיקער, פראָפ. זילבער און יעקב ראָזענצווייג. שוואַמבערגער האָט זיי טאַקע גלייך אריבערגעשיקט אין פּראָוויזאָרישן געטאָ, אַז די יידן, וועלכע זיינען עס גענומען געוואָרן צום פאַרברענען די טויטע וועלן שוין ניט צוריקקומען — דאָס האָבן מיר שוין דאַן אַלע גוט פאַרשטאַנען.

פינף טעג און נעכט האָבן געברענט די שייטערהויפנס, און אַ שוואַרצער געדיכטער רויך האָט פאַרהילט די גאַנצע געגנט פון געטאָ. אין דער גאַנצער שטאָט, און ממילא אויך אין דער לאַנער־קאַזאַרמע, האָט אַ זיסלעך און שטיקנדיקער גערוך פאַרגיפטעט די לופט. און אַלץ האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַ פעטס. די הענט, דאָס פנים, דאָס שטיקל טרוקן ברויט, וואָס מע האָט געגעסן.

דאָס פאַרברענען די טויטע איז פאָרגעקומען אונטער דער אויפזיכט פון געשטאַפּאָ. די יידן פלעגן נאָך מוזן איבערויפן די אַש און נאָכזוכן, צי עס פאַרוואַלגערט זיך ניט קיין גאָלד אָדער אַנדערע ווערט־זאַכן. אַז די גאַנצע אַרבעט איז שוין געווען דאָ דערלעדיקט, האָבן די געשטאַפּאָ־לייט אַוועקגעפירט די עטלעכע יידן קיין באַקאַנטשיצע, זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב און מיט אַ פּאָר האַנטגראַנאַטן אויך זיי דערלעדיקט.

די שוין איבערגעזיפּטע אַש פון די 1200 פאַרברענטע קערפּערס האָבן די דייטשן אין אַ פּאָר טעג שפּעטער מיט עטלעכע וועגענער אַריבערגעפירט צום טייך סאַן און אַהין אַריינגעוואָרפן.

עס איז כדאי צו דערמאָנען 2 קדושים, וועלכע זיינען דאָ פריייוויליק געגאַנגען צום טויט אויס ליבע צו זייערע משפחות. איינער פון זיי איז דער זון פון פּראָפ. בראַנדלער. ער האָט זיך אין לעצטן אויגנבליק געמאָלדן אין געטאָ. וויעלנדיק דורכויס זיין צוזאַמען מיט זיינע עלטערן און אויך זיין גורל פאַרבינדן מיט זיי. דער צווייטער איז געווען אַ געוויסער נאַגעל, וועלכן די געשטאַפּאָ האָט געוואָלט באַפרייען. ער האָט אָבער נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין פרוי און קינד.

פון די 1200 האָבן זיך 2 דאָך אַרויסגעראַטעוועט. זיי האָבן זיך פאַרשטעקט צווישן די קליידער פון די אויסגעטאָענע אין אונבנדערמאָנטן „צירק" און זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן נאָך טעג גאַנצע. זיי זיינען געווען די עדות, וועלכע האָבן צוגעזען די גאַנצע טראַגעדיע. ווען די שמירה פון די דייטשן האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזן האָבן זיי זיך אַרויסגעכאַפּט און אַנטלאָפן אויסן שטאָט. איינער פון די 2 געראַטעוועטע, אַ געוויסער מונד, האָט זיך נאָכדעם געהאַט אויסבאַהאַלטן אין פאַרשיידענע ערטער ביי אַ פּאָר חדשים. אָבער דאָ האָט אים אַן אוקראַינער ס. ס. געכאַפּט און ער איז דערשאָסן געוואָרן. דער צווייטער געראַטעוועטער איז געווען פּרל, אירקא נייבאָרט, די איינציקע לעבנגעבליבענע פון אַ זעקס קעפּיקער פאַמיליע, האָט איבערגעלעבט די נאַציס און געפינט זיך לעצטנס אין קראָקע.

אגב, דער דערמאָנטער לאַגער־קאָמענדאַנט שוואַמבערגער איז פון פּשעמישלער ייִדן דערקאָנט געוואָרן און זיצט איצט אַרעסטירט אונטער די אַמעריקאַנער אין אינסברוק.

קענסטו זינגען אַ ליד פון געטאָ, לאַגער פאַרטיזאַנער א.א.וו. קום אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע ווו דאָס ליד וועט גלייך פאַראייביקט אויף אַ גראַמאָפאָן־פּלאַטע.

אונדזער אַדרעס:

*Historische Kommission*
*beim Zentral Komitte der befreiten Juden*
*in der Amerikanischen Zone*
*München, Möhlstr. 12a.*

זאב וואלף גליקסמאַן

# אין טשענסטאָכאָווער געטאָ

(בלעטלעך)

פון דער גרויסער טשענסטאָכאָ׳ווער קהילה, וועלכע האָט אין דער מלחמה־צייט געציילט לערך זעכציק טויזנט נפשות, איז נאָך דער ערשטער אויסזידלונג, יום־כפור תש״ב (1 אָקטאָבער 1941), געבליבן פון 6 ביז 7 טויזנט מענטשן. אַרבעטס־פעיקע, אַ חוץ דעם יודענראַט און אַ פּאָר מנינים אַלטע און בײַ 70 קינדער, וועלכע זײַנען דורך אַ נס געראַטעוועט געוואָרן, זײַנען די איבערגעבליבענע געוועזן אַלץ יונגטלעכע, די מער אַרבעטס־קרעפטיקע, וועלכע די דײַטש האָבן פעסט אײַנגעשפּאַנט אין די אַרבעטס־קאָמאַנ־דעס און פון זיי אַרויסגעזויגן ביז דעם לעצטן ביסל כוח.

די יונגע זײַנען געוועזן אײַנגעטיילט אין פאַרשיידענע אַרבעטס־קאָמאַנדעס, וועלכע האָבן יעדן טאָג אונטער דער שמירה פון פּוילישער פּאָליציי, שפּעטער דורך ייד׳שע אָרדענונגס־מיליץ, פאַרלאָזן דאָס געטאָ. דעם גאַנצן טאָג זײַנען זיי געווען בײַ דער אַרבעט און פאַרנאַכט אונטער ־ערזועלבער אויפזיכט צוריקגעקומען. אין די אַרבעטס־קאָמאַנדעס האָבן זיך אויך געפונען נישט פיל פון די געבליבענע עלטערע מענטשן, וועלכע האָבן אַ דאַנק דעם ענערגישן אײַנשטעלן זיך פון דעם יידישן אַרבעטס־דינסט געקענט מיטגיין צו דער אַרבעט. דאָס אַרויסגיין פון געטאָ, כאָטש דאָס איז געווען פאַרבונדן מיטן אונטערוואַרפן זיך אויף דאָס ערגסטע, איז געווען פאַר די עלטערע מענטשן פשוט אַ גליק. מען פלעגט אײַנער דעם צווייטן מקנא זײַן, די, וועלכע זײַנען געבליבן אין געטאָ. האָבן דאָרט געמאַכט פאַרשיידענע אַרבעט, געטאָן אַלץ, כדי נאָר צו זײַן פאַררעכנט אין די אויגן פון דער דײַטשער מאַכט אַלס באַשעפטיקטע. אין קעגנפאַל וואָלט עס געהייסן, אַז מען איז אומנוצלעך, און דאָס איז געווען נאָר אַ שריט צום טויט.

אונדזערע קינדער, וועלכע זײַנען געבליבן אין אַ גאָר מיזערנער צאָל, האָבן נאָך מער געליטן, ווי די זיידעס און באָבעס. די עלטערע מענטשן האָבן דורך אויסערלעכע ענדערונגען פון זייער פּרצוף צום טייל דאָך ווי נישט איז געקענט דורכמאַכן די שווערע טעג. (יידן, וועלכע האָבן אין זייער לעבן קיין שער אויף זייער באָרד נישט געהאַט, האָבן אָפּגעשאָרן די בערד; פרומע צנועות האָבן אַראָפּגענומען די שײַטלעך, אַנדערע האָבן זייערע זילבערנע האָר איבערגעפאַרבט). אונדזערע קינדער האָבן אָבער געליטן אומבאַשרײַבלעך. ווי נאָר דער אײַנפאַכסטער דײַטש האָט זיך באַוויזן אין געטאָ, האָט מען ד׳

קינדער ממש לעבעדיקערהייט „באַגראָבן". אין פאַל פון אַ קאָנטראָל האָט מען די אָרעמע עופהלעך געמוזט פאַרשטעקן אין אַזעלכע באַהעלטעניש, ווו אַ נאָרמאַל קינד האָט נישט געקענט אַריינגיין. די ווייטאָקן, וואָס זיי האָבן געהאַט ביים איינקוועטשן זייערע הענטלעך און פיסלעך און נאָך מער דאָס באַהערשן זיך — איז אַ טייל פון דער גרויסער קייט ליידן אין דער מלחמה־צייט פון די יאָרן 1939—1945. דאָס קינדערשע באַוווסטזיין פון פאַרהאַלטן זיך רואיק אין די שווערע מינוטן האָט נישט קיין ביישפּיל. מ'האָט נאָר געדאַרפט זען, ווי קינדער האָבן געטרייסט זייערע מאַמעס אין די שווערע שעהן. נישט איינמאָל האָט מען געקענט זען, ווי די צאַרטע, ווייכע, קינדערישע הענטלעך האָבן געגלעט דאָס פּנים פון זייער מוטער אין די מינוטן. ווען זי האָט באַהאַלטן דאָס קינד און זיך געזעגנט מיט אים: „וויין נישט, מאַמעשי, דער בייזער דייטש וועט באַלד אַוועקגיין, און מיר וועלן ווידער זיין צוזאַמען..."

און נישט איינמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז נאָך אַ פאַרענדיקטן געיעג אויף קינדער האָט די מאַמע שוין מער נישט געטראָפן איר קינד. די דייטשע תלינים האָבן עס אויסגעפונען...

דעם רשעותדיקן לאַגער־קאָמענדאַנט איז אָבער דורכאויס געגאַנגען צו פעסטשטעלן די צאָל קינדער. ער האָט דאָס געמאַכט מיטן גאַנצן ציניזם. איין טאָג האָט ער צוגעזאָגט שאַפן אַ קינדערגאָרטן און אויפגעפאָדערט די מאַמעס איינצושרייבן די קינדערלעך, כדי זיי זאָלן געניסן פון אַ ביסל פרייער לופט. די יידישע מאַמעס האָבן געגלויבט אין די ווערטער מיט דער האָפענונג, אַז די בלאַסע פּנימלעך וועלן שוין קענען געניסן אַ ביסל פרייע לופט. אַזוי אַרום האָט דער קאָמענדאַנט אַריינבאַקומען אין זיינע מערדערישע הענט די אומגעפערע צאָל פון אונדזערע אָרעמע קדושימלעך.

דאָס קליינע געטאָ איז כסדר געהאַלטן געוואָרן אין שרעק און אומרו. טאָג איין טאָג אויס האָבן די דייטשן פאַרקלענערט די צאָל יידן. פאַרשיידענע געווען די מיטלען, כדי נאָר פטור צו ווערן פון יידן. ס'איז גענוג געווען, אַז אַ ברודער זאָל פרוּוון זיך טרעפן מיט זיין שוועסטער, אַז ער זאָל באַלד דערשאָסן ווערן, ווייל אַ מאַן האָט זיך נישט געטאָרט באַווייזן אין דער גאַס וווּ די פרויען האָבן געוווינט. (פרויען, מענער און פאַרהייראַטע פּאָרן האָבן געוווינט אין באַזונדערע גאַסן). האָט אַ ייד צוליב זיין שווערן געזונט־צושטאַנד נישט געקענט אַרויסמאַרשירן מיט זיין אַרבעטס־קאָמאַנדע צו דער אַרבעט און דערביי נישט צוגעשטעלט די געהעריקע באַשטעטיקונג פון אַ דאָקטאָר, איז ער ביים „ערוישט" פון די דייטשן שוין פאַררעכנט געוואָרן ווי אַ סאַבאָטאַזש־טרייבער און דערשאָסן געוואָרן. עס איז אויך באַקאַנט די מעטאָדע פון פאַרניכטן קראַנקע. אין דעם קליינעם שפּיטאָל פון טשענסטאָכאָווער געטאָ זיינען געווען אַ פּאָר שווערע קראַנקע. דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט באַפוילן די יידישע דאָקטוירים צו טויטן זיי דורך איינשפּריצונגען און ווען די האָבן

זיך אָפּגעזאָגט, האָט ער באַפּוילן דער פּוילישער פּאָליציי צו אַרויספירן די אומגליקלעכע אויף אַ פרייען פּלאַץ און זיי דערשיסן.

דער יודענראַט האָט געטאָן אַלץ צום לינדערן די נויט און ראַטעווען די אַלטע קינדער און קראַנקע פון די קלאַמערן פון טויט. בכלל האָבן די יידן אַליין געטאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך געווען צו העלפן איינער דעם צווייטן און ראַטעווען זיך פון די דייטשע תלינים. ניט אַלעמאָל איז דאָס אָבער געלונגען, און ווען אויף געטאָ פלעגט זיך אָנרוקן אַ גרויסע גזרה, זיינען שוין די אַלע מוער געווען הילפלאָז.

אַזאַ טאָג איז אין טשענסטאָכאָווער געטאָ געווען דער 4־טער יאַנואַר 1943, ווי טאָג־טעגלעך האָבן פאַרשיידענע גרופּן אַרויסגעמאַרשירט צו דער אַרבעט. ביים פאַרלאָזן דאָס געטאָ האָבן ווי שטענדיק, די נאָענטע זיך געזעגנט איינער מיטן אַנדערן און געווונטשן זיך געזונטערהייט אינאָוונט ווידער צו טרעפן אין די שמאָלע און טויט־הערשנדיקע געטאָ־געסלעך. אין פאַרלויף פון דעם טאָג האָט ביי דער אַרבעט און אין געטאָ געקאָנט פאָרקומען פאַרשיידענעס, און נישט זעלטן האָבן מענטשן ביים צוריקקומען אין געטאָ זיך שוין מער ניט געטראָפן...

ווי שטענדיק זיינען אויך אין דעם טאָג די פאַרשיידענע קאָמאַנדעס אַרויס צו דער אַרבעט. נאָכן אַרויסמאַרש פון די אַרבעטס־קאָמאַנדעס איז אין געטאָ, ווי אין אַ נאָרמאַלן טאָג ווידער געוואָרן רואיק. ווען־ניט־ווען האָבן זיך באַוויזן איינצלנע מענטשן. דאָס זיינען געווען צום גרעסטן טייל פון די באַשעפטיקטע אין געטאָ גופא, אַ דאָקטאָר וועלכער האָט געאיילט צו אַ קראַנקן, אָדער אַ מיטגליד פון דער יידישער לאַגער־פאַרוואַלטונג. פּלוצלונג איז דאָס געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשע פּאָליציי. און אויף אַ באַפעל פון דער דייטשער מאַכט האָבן אַלע יידן, וועלכע זיינען געווען צום מאָמענט אין געטאָ, זיך געראַרפט פאַרזאַמלען אייף דעם פּלאַץ פון „וואַרשעווער מאַרק". נאָך איידער די יידן האָבן באַוויזן זיך צו פאַרזאַמלען זיינען אַ טייל דייטשע פּאָליציסטן אַריין אין געטאָ און צוזאַמען מיט דער יידישער אָרדענונגס־מיליץ אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן די מענטשן פון די וווינונגען און אַרבעטס־שטעלן און זיי געיאָגט צום מאַרק. איינציקע איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן, וויי איז אָבער געווען דעם, ווען ער איז געפונען געוואָרן!

ווען אַלע זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט האָבן דייטשע פּאָליציי־אָפיצערן מיטן קאָמענדאַנט בראש אָנגעהויבן אויסקלייבן מענטשן. דער עיקר עלטערע, פרויען און קינדער. אויף איבערזידלען זיי. ווי די דייטשן האָבן דערקלערט אין אַ געוויסן שטעטל. די יידן פון טשענסטאָכאָוו האָבן שוין גוט געוווּסט דעם באַטייט פון „אויסזידלען". עס זיינען נאָך געלעגן אין זכרון די גרויסע אויסזידלונגען פון 1942־43 קיין טרעבלינקע. בעלזשעץ מיידאַנעק, וווּ אַלע זיינען פאַרברענט געוואָרן אין די קרעמאַטאָריעס. דעריבער האָבן

עטלעכע באַשלאָסן צו שטאַרבן אויפן אָרט ווי העלדן, און אויב ס'וועט געלונגען — אויך דערשיסן אַ פּאָר דייטשן, אַלס נקמה פאַר אונדזער אומשולדיק בלוט. דאָס זיינען געווען עטלעכע יוגנטלעכע פון „השומר־הצעיר".

די צאָל פון די באַשטימטע צום אויסזידלען וואַקסט. זיי ווערן אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט און אַרומגערינגלט פון דייטשע און פּוילישע פּאָליציי. אין אַ צווייטער זייט פון מאַרק שטייען די איבעריקע, וועלכע זיינען נאָך ניט קאָנטראָלירט געוואָרן. דאָס שפּילן פון טייוול גייט נאָך אָן. אָבער פּלוצלונג רייסט זיך אַרויס אַ יונגער בחור פון אַ יאָר 18 יצחק פּינער, פון „השומר־הצעיר". ער לויפט צו מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט צו איינעם פון די דייטשע פּאָליציי־אָפיצערן, ראָן. און צילט אין אים. ביים ערשטן שאָס פאַלט דער פּאָליציי־אָפיצער אויף דער ערד. אָבער ער ווערט ניט פאַרווונדעט. נאָר בלויז זיין מאַנטל איז פון דער קויל דורכגעלעכערט. און ווען דער בחור וויל צום צווייטן מאָל שיסן, פאַרהאַקט זיך אים דאָס געווער. זיין זיכערן טויט האַלט נאָך יצחק פּינער אָפּ דורך אַרומכאַפּן אַ צווייטן פּאָליציי־אָפיצער, כדי מיט זיין קערפּער זיך צו שיצן. זיין פּאַרטיי־חבר יעקב פּישלעוויטש מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט שפּרינגט אים באַלד אַרויס צו הילף. אָבער אויך אים פאַרהאַקט זיך דאָס געווער. דאָ קומט פון הינטן אַ דריטער פּאָליציי־אָפיצער, שיסט אַריין אין פּינערן, וועלכער האָט ביים ראַנגלען זיך מיט דעם פּאָליציסט, מיט וועלכן ער האָט זיך פאַרדעקט, אויסגעלינקט אַ פּאָר פינגער. און דערנאָך ווערט אויך פּישלעוויטש דערשאָסן.

אַ פּאַניק ברעכט אויס אויפן מאַרק צווישן די פאַרזאַמלטע יידן. יעדער איז קלאָר, אַז די דייטשן וועלן די געשעעניש ניט פאַרביילאָזן און וועלן זיכער פאָדערן ברוט.

און כך־הווה. דער קאָמענדאַנט דעגענהארדט האָט געלאָזט צו זיך רופן דעם עלטסטן פון יודענראַט, יהודה ליב קאָפּינסקי און פון אים געפאָדערט 100 יידן צום שיסן. יהודה ליב קאָפּינסקי האָט דעם פאַרלאַנג פון קאָמענדאַנט אויפגענומען מיט דעם גרעסטן צער און זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו דערפילן. ער אַליין האָט זיך דער ערשטער געמאָלדן צו גיין אויפן טויט. אָבער דער ציניש̇ער מערדער, דער קאָמענדאַנט, האָט זיין קרבן ניט אָנגענומען. ער האָט אים אפנים נאָך נויטיק געהאַט און דעריבער האָט אים אויסגעטראָגן דער חשבון, אַז אַזאַ דאַרף מען דערווייל נאָך לאָזן לעבן. און באין ברירה נאָך אַ באַראַטונג מיט די אַנדערע מיטגלידער פון יודענראַט האָט יהודה ליב קאָפּינסקי אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען מיט די דייטשן וועגן דער צאָל קרבנות געפּרוּווט נאָך אַרונטערדינגען און דאָס אויך מיטן תנאי אַז יידישע הענט זאָלן ניט אָנווייזן, זאָלן די דייטשן זיך אַליין אויסקלייבן די קרבנות!

מיט צעבראָכענע הערצער פאַרלאָזן די יידישע פאָרשטייער דעם קאָמענדאַנט, און אין וויניקע מינוט שפּעטער שטייען שוין 25 יידן גרייט צו

דערשיסן. די אומגליקלעכע און פון גורל באַשטימטע מאַרשירן שטאָלץ צו דער מויער־וואַנט. און ווען מען וויל זיי די אויגן פאַרבינדן, זאָגן זיי זיך אָפּ. אַפילו די דייטשע תליונים באַוווּנדערן זייער העלדישקייט. עס פאַלט דאָס באַפעל: „פייערן!”, און 25 גופים פאַלן פון די קניען אויף דער ערד.

צו קבר־ישראל האָט דער קאָמענדאַנט נישט דערלויבט צו ברענגען די 27 יידישע קרבנות. פאַר פיינערן און פּשלעוויטשן האָט ער אָבער באַשטימט אַ באַזונדערן קבר: זיי זיינען געפאַלן ווי העלדן, פאַר די איבעריקע 25 האָט ער באַשטימט 3 מאַסן־קברים אין אַ ווינקל פון געטאָ. שפּעט אינאָוונט האָט מען געקענט זען דאָס פאַרגליווערטע בלוט אויף דער געפרוירענער ערד און אין אָפּשיין פון שניי האָט מען ביינאַכט די קרבנות קובר געווען. דער שרייבער פון די שורות האָט דעם כבוד געהאַט צו העלפן ביי דער קבורה פון די קדושים. אַן אַנדער חבר האָט קדיש געזאָגט. מיט פאַרשטומטע הערצער און אַראָפּגעלאָזטע קעפּ האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די, וועלכע זיינען געפאַלן פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק.

די פאָר הונדערט אָפּגעקליבענע מענטשן זיינען אָפּגעפירט געוואָרן אין דעם באַשטימטן שטעטל. איינצלנע זיינען פון דאָרט אַנטלאָפן און נאָך לאַנגן וואַנדערן דורך וועלדער און פעלדער, און מייסטנס אויך ביינאַכט אונטער סכנות־נפשות, האָבן זיי באַוויזן אַרויסצוקריגן זיך פון די דייטשע מערדערס און קראַנק־אויסגעמאַטערטע און מיט אָפּגעפראָרענע גלידער זיך צוריק אַריינבאַקומען אין אונדזער שטאָט צוריק אין „גליקלעכן” טשענסטאָכאָווער אַרבעטס־לאַגער.

פון דער מיזערנער צאָל יידן אין טשענסטאָכאָווער געטאָ אָדער ווי עס האָט שוין אָפיציעל געהייסן, אַרבעטס־לאַגער, איז אין די טעג פון 4, 5, 6־טן יאַנואַר 1943 ווידער אַוועקגעריסן געוואָרן אַ פאָר הונדערט נפשות. מיר נאָך לעבנגעבליבענע זיינען צוריק אַריין אין די ענגע געטאָ־געסלעך און מיט הערצער פול ביטערקייט און האָפענונג געוואַרט אויף דעם טאָג פון דער באַפרייאונג...

---

האָסטו אַ בילד אָדער אַ דאָקומענט פון די פאַרלאָפענע טראַגישע טעג האַלט דאָס נישט הורבאוים פאַר זיך, שטעל צו אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע. נאָכן אָפּקאָפּירן וועט עס דיר מיט דאַנק באַלד צוריקגעקערט.

אונדזער אַדרעס:

*Historische Kommission*
*beim Zentral Komitte der befreiten Juden*
*in der Amerikanischen Zone*
*München, Möhlstr. 12a.*

# פאָלקלאָר

י. קאַפּלאַן

## דאָס פאָלקס-מויל אין נאַצי־קלעם.

### ב. טערמינען

אַ חוץ די פאַראָלן אויף צו רעגולירן צווישן זיך גופא דעם טעמפּאָ אָדער די באַוועגונג ביי דער אַרבעט איז נאָך אויפגעקומען אַ גאַנצע ריי קינסטלערישע אויסדרוקן אָדער טערמינען אויף צו דורכשמועסן זיך וועגן פאַרשיידענע ענינים.

אכילה — דאָס איז איינע פון די ערשטע זאַכן וואָס פאַרנעמען דעם מוח פון געטאָ־ און קאַצעט־מענטש. יעדער וויל וויסן וואָס פאַר אַ פּראָדוקטן באַקומט מען, ווו און וויפיל. רעדט מען אין קאָוונער געטאָ וועגן פאַרטיילן פלייש, פרעגן זיך יידן באַלד איבער

**ממו אָדער טפררו?**

איז דאָס פלייש פון רינדער אָדער פערד?

**מ י י ם**

איז כמעט אין אַלע לאַגערן געווען דער נאָמען פאַר זופּ. וואָס האָט זעלטן געקענט פּרעטענדירן אויף אַ מער־פּאַסיקן נאָמען, אין ליטע האָט די קעסל־זופּ גאָר ברייט פיגורירט אונטערן נאָמען

**י ו ש נ י ה**

וואָס אין סלאַווישן דיאַלעקט באַדייט עס חזירים־קאָרמע, אין ווילנער און אַנדערע ווייסרוסישע געגנטן האָט מען די געמיינע זופּ פאַרצייגן אויף

**י ו ש מ ע**

און אין פּוילן —

**כלוי, כלאַפּאַש.**

קאַרטאָפל פלעגט מען געוויינלעך באַצייכענען מיט

## קיילעכדיקע

אין טשענסטאָכאָווער קאַנט –

## פּאָמעראַנצן.

ברויט האָט געהאַט פאַרשיידענע אָנרופן; איבעראַל –

## לחם.

ביי די דייטשע יידן האָט אַ לעבל ברויט געהייסן

## אַ לחם

טאַקע ווי אין דייטש אַ ברויט. ביי די לעטישע „האַלב־דייטשע" יידן איז דערזועלבער אויס־דרוק געווען אַ ביסל קאָמבינירט –

## אַ לחמא.

„כהא לחמא" – אַ בפירושער פסוק אין דער הגדה. אגב, דעם באַדייט פון לחם האָבן געוווּסט פיל אָרטיקע גויים און אויך ניט ווייניק דייטשן נאָך פון זייער היים. זיינען דערפאַר די ליטוואַקעס אין ריגע אַוועק נאָך ווייטער. זיי האָבן דעם „לחם" אומגעדרייט אויף „חלם". האָט זיך פאַר ברויט אויסגעבאַקן אַ וויל־היימישער אָנרוף:

## כעלם אָדער שוטה

און דער ברויט־הענדלער האָט שוין ממילא געהייסן

## אַ כעלעמער אָדער חכם.

אַ חוץ איינשטעלן דאָס לעבן איז אין אַ לאַנגער אָן איבערגעשפּיצטן שכל טאַקע ניט געמאָלט געווען צו אַ האַנדל טאָן.

ברויט איז געווען דער טייערסטער ביסן; שוין דער געדאַנק אַליין וועגן ברויט האָט געשטעלט אין באַוועגונג דעם קיי־אַפּאַראַט. דערפאַר איז אין פיל לאַנגערן געווען צו הערן:

## קייעוודיקע.

ביי אַ טייל יידן פון לאַטגאַליע און פון ווילנער געגנט איז אָנגענאַנגען אויך

## פּאַפּינקע

אַ באַקאַנטער טערמין פאַר ברויט אין דער קינדערישער שפּראַך. דאַן איז שוין ווי פון זיך אויפגעקומען ביי פיל יידן דער ליבהאַרציקער אָנרוף פאַר אַ גאַנצן לאַבן ברויט

## אַ מאַמעטשקע.

פאַר דעמזועלבן לאַבן ברויט מיט זיין פּירקאַנטיקן אויסזען, און דאָס רוב אויך גוט האַרט, האָבן די קראָקער יידן באַנוצט –

## א ציגל.

אין פאָרליאַסיע או, אייך אין אַנדערע ערטער פון פוילן האָט ברויט געהייסן

### ח מ ץ.

אַן אָפּן פעלד־וואַגאָנדל, אָדער „וואַגאָנעטקע“, פון די שמאָלע פעלד־באַנען (אויף אַריבערפירן זאַמד, זשוויר, טאָרף, שטיינקוילן א. א.) ווערט פון די דייטשן גערופן לאָרע, און די פראַגע „אויף וויפיל אַ לאָרע?“ — וויפיל מענטשן דאַרפן עס אָנשיטן און אויסשיטן — איז געווען גאָר וויכטיק. דאָס אויסזען פון אַ לאָרע האָט דעם הונגעריקן מענטשן אויך שטאַרק דערמאָנט די פאָרם פון אַ לאַבן ברויט און דערפאַר עס גערופן

### אַ לארע.

„אויף וויפיל איז היינט אַ לאָרע?“ האָט אין אוישוויץ און אויך אין פיל אַנדערע לאַגערן געהייסן: אויף וויפיל פערזאָן גייט עס אַ לעבל ברויט.

בראָט איז אויף דייטש — אַ כלה. פלעגט די זעלבע פראַגע וועגן אַ לעבל ברויט אין די בייערישע לאַגערן ווערן אויך פאָרמולירט: אויף וויפיל חתנים גייט היינט

### אַ כ ל ה.

פוטער — טאַקע אַ זעלטנקייט געווען — האָט אין פיל ערטער געהייסן

### ח מ א ה

ווי אין העברעאיש. אין ריגער געטאָ און אַ טייל ליטע אויך —

### שמירעוודיקע.

אין אַנדערע פוילישע געטאָס און אויך אין פאָנעוועזשער לאַגער

### אַן עוף אָדער קורצענטע.

פוט־פוט... צו אַ הון אַסאָציאירט זיך מיט — פוטער (און אפשר אויך מיט שמאַלץ־פעטס).

---

אויף צו קויפן אַ לחם אָדער זיך גאָר פאַרגינען פוטער, — צו אַ זוינע טייערע אַרטיקלען איז אָבער געווען אַן ערשטער באַדינג — מיטלען. ווו נעמט מען עס אין געטאָ אָדער אין לאַגער? ביי אַ גרויסן טייל אין געטאָ ווו יידן האָבן נאָך פאַרמאָגט אַ ביסל פון זייער ווירטשאַפט. האָט ווי אַ חיונה־מקור געדינט דאָס אויסבייטן ביי די אַריער זאַכן אויף פראָדוקטן. כמעט אין אַלע ערטער האָט אָט די טראַנסאַקציע געהייסן

### חילופן.

דייטשע יידן, און דער עיקר די ריינלענדער, האָבן אָט דעם וואָרט געבויגן און קאָמבינירט אויף חילופנען. חילופער, גראָס־חילופער; און א געוואַגט יינגל. וואָס האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אייך פאַר די גרעסטע געפאַרן. האָט געקענט ביי זיי דערגיין ביז אַ

## חילופער - סעניג.

אין ריגער „דייטשן געטאָ" זינען נים ווייניק וויצן געווען דורכגעפלאָכטן מיט „חילופן". אין אַ דאָרטיקער רעוויי־פאָרשטעלונג קערט זיך פאַרנאַכט אַ קאָמאַנדע פון דער אַרבעט. דער פאָרשטייער פון „אַרבעטס־איינזאַץ" ציילט איבער — 19 מאַן. „איר זייט דאָך אַרויס אינדערפרי צוואָנציק – שרייט ער צום קאָלאָנענפירער — האָסטו 1 מאַן אַמאָל נים פאַרחילופט?..

די גאַנגבאַרסטע זאַכן אויך צו בייטן זיינען געווען בגדים, וועש, ש״ך. אַ גאַר גוטע סחורה איז געווען אַ זייגער —

## אַ גייער.

אַנדערע האָבן צומאָל אויך דיספּאָנירט מיט די „קלוגע שטיינדלעך" דימאַנטן —

## פארפעלער

האָבן די געהייסן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האַלטן געלט אָדער ווערט־זאַכן, און נאָכמער ואָס האַנדלען און אַפילו קומען אין באַרירונג מיט אַריער האָט געשמעקט — מיט טויט־געפאַר.

מיט מזומן געלט האָט מען אויך געקענט וואָס מאַכן. גויים זיינען דער עיקר געווען בעלנים אויף גאָלד. וואָס האָט זיך קינה שם געווען אַלס

## האַרטע.

מטבעות גאָלדערנע האָבן געהייס:

## קנעפּלעך.

דאָס רוב פלעגן טאַקע אָט די מטבעות זיין פאַרמאַסקירט אין בגד ווי איינגענייטע קנעפּלעך. פון די זיינען געווען פיל

## חזירימלעך —

רוסישע צענערלעך. די אַמאָליקע דייטשע גאָלדערנע 20 מאַרק־שטיק האָבן געהייסן:

## שפּיצן.

דער גאָטישער אָדלער אויף אָט די מטבעות וואַרפט זיך טאַקע אין די אויגן מיט זיינע שפּיצן. האָט זיך ביי וועמען פאַרוואַלגערט אַן אַמעריקאַנער גאָלדענער דאָלאַר־שטיק, האָט דאָס געהיים

## אַראָד.

אַ חוץ אָט די „האַרטע" פלעגט אָנגיין אויך וואַלוטע פון

## ווייכע.

דאָס רוב זיינען עס געווען אַמעריקאַנער פאַפּיר־דאָלאַרן. גאָר שפּעט האָבן זיך באַוויזן די אליאירטע מאַרקן. אַרויסגעגעבן פון די אליאירטע מלוכות.

## הללויות

האָבן זיי געהייסן. דער אליאירטער מאַרק איז דאָס רוב געווען אַ ביסל מער אָדער ווייניקער העכער ווי דער רייכס־מאַרק. דערפאַר האָט זיך נאָך דער באַפרייאונג ברייט פאַרשפּרייט דאָס ווערטל

## אליאירטע יאָרן.

גיט אָן ווער זיינע יאָרן און ס׳ליגט זיך עפּעס ניט צופיל אויפן שכל די ריכטיקייט פון דעם אָנגעגעבענעם עלטער, קומט ווי אַ פּראַגע: זיינען עס ניט די יאָרן אליאירטע?..

אין דער לעצטער נאַצי־צייט האָבן זיך באַוויזן אויך ענגלישע מלחמה־פּונקטן פון זייער אַ רינעם פּאַפּיר; די האָבן באַקומען דעם צונאָמען

## פליזעלעך, ביבולעס, ביבולקעס.

דייטשע פּאַפּיר־מאַרקן האָבן ביי די פּוילישע יידן געהייסן פּשוט

## רשעים.

---

דאָס קומען אין באַרירונג מיט אַריער און מאַכן מיט זיי אַ מסחר האָט דאָס רוב געקענט זיין מעגלעך נאָר אין אַן אייזן־קאָמאַנדע. ניט אין געטאָ גופא אָדער אין לאַגער. ניט אַלע קאָמאַנדעס זיינען געווען גלייך. פאַלט איינער אריין אין אַ מקום ווו די אויפזעער שטייען אויפן קאָפּ לאָזן פון אויג ניט אַרונטער און מען מוז אָן אויפהער טירחהנען, איז עס ווי שוין דערמאָנט „מיט אומגליק אין האַנט" דאָרט קען שוין אָט דער „מזלדיקער האָז" האָבן נאָר „פון אַ שטיין די ווייבע". אין קאָוונע האָט מען זיך וועגן אַזאַ מערכה אויסגעדריקט:

## האָקע

ניט דאָסיק ס׳טויג ניט. „איך בין קאָקע" האָט אויך באַדייט: עס גייט מיר ניט. אַן אַרבעטס־פּלאַץ וווּ עס לאָזט זיך ־אָרניט מאַכן האָט ביי די יידן פון באַלטיקום געהייסן

## א טרוקענע קאָמאַנדע.

איינע פון די ערגסטע קאָמאַנ־עס אין קאָוונע איז געווען ביים בויען דעם אַעראָדראָם. אין צוויי און דריי ש׳כטן האָבן טויזנטער מענטשן דאָרט געאַר־בעט דורכן רונדן מעת־לעת ביי די שווערסטע באַ־ינגונגען, אין קעלט נעץ, הונגער און — קלעפּ. קלעפּ... דער

## אעראַדראָמשטשיק

אין קאָוונער געטאָ איז געווע: באַקאַנט. אַ מענטש שוין באַלד פון אַ באַזונ־דערער סאָציאַלער קאַסטע. טאַקע פון דער לעצטער און סאַמע אונטערדריק־

טער. די מענטשן פלעגן אָפּקלאַפּן די טירן פון אַרבעטס־אַמט און זיך בעטן ביי די אייגענע יידן, מען זאָל זיי שוין ווען־אַמאָל בייטן דעם אַרבעטס־פּלאַץ. זעלטן ווען עס האָט זיך געפונען אַן אויער פאַר זייערע בלוטיקע טענות.

## אַ פינצטערער אַעראָדראָמשטשיק...

פלעגן די באַעוולטע שאָקלען מיטן קאָפּ איבער זיך אַליין, דאָס זאָל הייסן אין אַ פינצטערן מזל געבוירן. ווערט אויך ביי דער אַרבעט פאַרפינצטערט. און האָרעוועט ניט זעלטן אויפן אַעראָדראָם דורך דער פינצטערער נאַכט — אַ נאַכטשיכטלער...

נאָך ערגער איז געווען, ווען מען שיקט אַרויס אַ קאָמאַנדע (קאַזערנירט) ערגעצוווּ אין אַ שטרענג־אָפּגעשלאָסענעם פּראָווינץ־מקום. און די אַרבעטס־באַדינגונגען און די וואַך זיינען דאָ־ט גרויזאַמע. דאָ גייען ממש אונטער די מענטשן פון הונגער און פּיין. אַזאַ אַרבעטס־אָרט איז אַ געוויסע צייט אייך געווען אין די טאָרף־גריבער פון אָלינע, ביי ריגע. פלעגן די לעטווישע יידן, וועלכע זיינען אַהין אַריינגעפאַלן, קלאָגן אויף זייער אָליינע אַז ס׳איז

## עלינו.

„עלינו" איז ביים ענדע דאַווענען און צו דעם שפּייט מען אויס. אויך אָליינע, פלעגן די ליטוואַקעס דערקלערן, איז שוין „ענדע לעבן און אַ שפּיי מיט דער נשמה"... דאָס ווערטל איז ברייט אַוועק. און ביים כאַראַקטעריזירן אַ וועלכע־נאָר קאָמאַנדע אָדער סתם אַ מואיסע לאַגע איז גענוג אַ זאָג טאָן:

## עלינודיק...

עס זיינען געווען אויך בעסערע „אַרבעטס־שטעלן", ווו עס פלעגט זיך לאָזן יאָ וואָס מאַכן, קאָמבינירן. די מענטשן האָבן דאָרט געהאַט זייער

## מאַלינע,

דאָס גוטע ווינקעלע, פּאַסיקע געלעגנהייט צו אויפשלאָגן אַ פּעקל אויף אַהיים דאָס איז געווען דער פשט פון „מאַלינע" אין קאָוונע אין דער ער־שטער געטאָ־צייט. אין ריגע איז אַ „מאַלינע" געווען אַ פאַרבאַהאַלטענער אוצר. שפּעטער האָט אין ווילנע. און נאָכדעם אייך אין קאָוונע, אונטער „מאַלינע" פיגורירט אַ באַהעלטעניש, אַ פאַרמאַסקירטער קעלער, בוירעם אדג.

האָט איינער געאַרבעט אין אַן אָרט, ווו ער האָט געקענט וואָס האָבן. האָט עס ביי מענטשן בדרך כלל געהייסן, אַז יענער האָט

## אַ פעטע קאָמאַנדע.

די „פעטקייט" און בעסערקייט פון אַזאַ אָרט האָט געקענט באַשטיין אין דער מעגלעכקייט צו מאַכן דאָ אַ מסחר און דאָס גלייכן. אין אַנדערע קאָמאַנדעס פלעגן די יידן אויך באַקומען עסן, שיריים. פון אַנדערע אַרבעטס־פלעצער פלעגט — ניט אָן געפערלעכער ריזיקע — זיך לאָזן אַ כאַפּ טאָן אין דערביאיקע הייזער אָדער דערפלעך און דאָרט עס דורכפירן אַ מסחר אָדער

גאָר קריגן אַבילה זאַכן בחינם. אין ליטע האָט אַזאַ עקספּעדיציע פון שנאָרענען באַקומען אויך אַ ליטווישן סיפיקם —

## שנאָריטע.

מענטשן פלעגן גיין אָדער זיך לאָזן „אויף שנאָריטע"... ניט שלעכטע ערטער זיינען געווען די

## גאָלדערנע קאָמאַנדעס.

מענטשן פלעגן דאָ אַרבעטן דאָס רוב ביי די מיליטערישע פּראָדוקטן־לאַגערן. ווער עס האָט ריזיקירט, האָט דאָרט געקענט האָבן אַ געוויסע מעגלעכקייט צו אַרונטערנעמען וואָס פאַר זיך. אין שאַוולער געטאָ האָט אַזאַ מין טראַנסאַקציע געהייסן

## לאַבער די דרוסקע

„דער מענטש לעבט פון לאַבער די דרוסקע", אָדער „יענער מאַכט לאַבער די דרוסקע" — אַזוי פלעגן די שאַוולער ניט איינמאָל פעסטשטעלן דעם חיונה־מקיר פון אַ וועלכן יידן. לאַבערן איז כידוע — נעמען אויף לינק, גנבענען; דרוסקאַ אין ליטוויש — איז זאַלץ. און דאָס ווערטל איז אויפגעקומען צוליב אַ מעשה שהיה. אַ פּאָר יידן האָבן ביי דער אַרבעט אַרום באַן דערשמעקט אַ וואַגאָן מיט זאַלץ. וואָס אין אָנהויב נאַצי־אָקופּאַציע איז עס געווען אַ זעלטנקייט. איינער האָט באַלד אַריינגעטאַנצט אין וואַגאָן און גענומען שיטן דעם זאַלץ צו זיך אין טאָרבע. דער צווייטער ייד, וועלכער איז געשטאַנען אויף שמירה, האָט דעם חבר זיינעם אַלץ געמוטיקט: לאַבער די דרוסקע!.. פּאַר אַ יידן אין באַלטיקום איז עס געווען אַ גאָלד־ערנער חלום אַריינצופאַלן ווען אין די „הערעס־פערפלעגונגס־מאַגאַזינען", אָדער אין קורצן: ה. פּ. מ. (האַ־פּאַו־עם). האָ: אין ריגע די קאָמאַנדע טאַקע באַקומען דעם נאָמען:

## כאַפּ או: נעם.

קלאָר אַז נאָר יחסנים האָבן זיך געקענט צושלאָגן צו אַזוינע אַרבעטס־שטעלעס. פלעגט אין קאָוונע אַזוי אַ ייד זיך נעמען רייסן צו אַ בעסערן מקום האָבן גוטע פריינט אים גיך באַרואיקט מיט דער אויפקלערונג, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ קאָמאַנדע

## ען — דע — עם

בקיצור, נים דיין מזל (אָדער: ניט דיין מאַזעלע)!.. דער געקריוורעטער האָט דערביי געקענט זיך טרייסטן נאָר מיט אַ קרעכץ; זאָל טאַקע זיין — ענדע עם (אים)!.. דער אַדרעסאַט, וועמען די ענדע ווערט עס צוגעווונטשן — איז געווען אַלעמען קלאָר.

מיטן שוין באַקומען פּראָדוקטן ווי דורך אַן אויסן־קאָמאַנדע האָט זיך אָנגעהויבן די זאָרג ווי צו אַריינברענגען דאָס פּעקל אין געטאָ, אָדער אין לאַגער אַריין, גאָר ניט קיין לייכטע סוגיה. אין ווילנע האָט עס געהייסן

## אַריינוואַשעווע?

אוּן דער בעל־דבר אַל־ין, וואָס פירט עס דורך —

## וואַשאָוניק

דער וואַשאָווניק האָט פי־ל מאָל געמוּזט זיך אַרוּמוויקלען די פּראָדוּקטן שטייף אַרוּם קערפּער. אַזאַ סאָרט וואַשעווען איז אין ווילנע געווען

## אַ קאָמפּרעס

ווען אַ פרוי מאַכט זיך דעם „קאָמפּרעס" פאָרנט אוּנטער דער בלוּזע האָבן עס די קאָוונער גערוּפן

## אַ צנועה

צוּלי־ב אַן אַנעקדאָט, וואָס די זעלבע קאָוונער האָבן זיך דערציילט: אַ פרויען־קאָמאַנדע איז שוין געשטאַנען גרייט צוּם אָפּמאַרש פוּן אַרבעטס־פּלאַץ צוּריק אין געטאָ. אַ פּאָסטן האָט זיך פאַרגלוּסט אַ „טשעפּע" צוּ טאָן אַ מיידל. ד־י האָט באַלד גענוּמען שאַרף פּראָטעסטירן. „פוּן ווע‎ן אָן ביזט עס אַזאַ צנועה?" פרעגט איר די חברטע. „הערסט. איך טראָג דאָ פאַרפּאַקט 2 קילאָ פּוּטער!.." ענטפערט יענע.

בכלל פלעגט דאָס טראָגן מיט זיך אַ פּעקל אין ווילנע הייסן

## אַ פּגירה

ביי די שאַוולער גאָר

## אַ מכה.

איז נאָך דאָס פּעקל באַשטאַנען פוּן געווער (צוּם ווידערשטאַנד) ווי רעוואָלווערן א. ד. גל. איז שוין ביי די ווילנער פוּן „פּגירה" געוואָרן

## אַ ממזר

מיט אַריינוואַשעווען אַ „ממזר" האָט מען געמוּזט זיין פאָרזיכטיקער נאָך פיל מער.

פוּן די גאָלדערנע אָ־ער רייכע קאָמאַנדעס האָבן זיך פיל געקליגן זיך צוּריקערן אין געטאָ ניט מיטן אַלגעמ־ינעם שטראָם. פאַרנאַכט. ווען די וואַך ביים אַריינגאַנג־טויער איז געווען אַ פאַרשטאַרקטע אוּן אויך שטרענגער. די פלעגן קאָמבינירן צוּ אַרוּנטערלאָזן זיך אין די פריערדיקע שעהן. אַזוינע האָבן אין קאָוונע געהייסן

## פּאַראַשוּטיסטן.

עס זיינען אָבער אין זעלבן קאָוונע געווען אויך אַזוינע אוּנטערנעמער, וועלכע פלעגן זייער סחורה אַריינברענגען דוקא אין וואָס שפּעטערע שעהן, טאַקע אינמיטן נאַכט אוּן גאָר דוּרכן צוים. א ן אַן אָפּגעלייגטן ווינקל פלעגן די מענטשן דוּרכשניידן מיט אַ צוואַנג די דראָטן אוּן אַריינפירן – אַפילוּ לעבע־דיקע קי. גלייך נאָכדעם פלעגט דער צוים ווידער געבראַכט ווערן אין אָרדע־נוּנג. אַזאַ געוואַגטער נאַכט־מאַרש האָט שוין געהאַט זיין רענאָמע –

## דעסאַנט דוּרכן רייס־פאַרשלוּס.

אין אַנדערע געטאָס און לאַגערן האָט זיך אין אָפּגעלייגטע ווינקעלעך (אונטער גרויס ריזיקע) ביים צוים געלאָזט האַנדלען מיט די אַריער, וועלכע פלעגן פון צווייטן זייט אָנבּרענגען אַהער פּראָדוקטן. האָט זיך אַ ייד אַנט־שלאָסן אויף דעם, איז זיין בּאַרוף אין קאָוונער געטאָ באַקרוינט געוואָרן אַלס

## צאמניק.

---

דאָס שטיקל בּרויט און מיזערנע חיונה איז געווען כמעט שטענדיק פאַרבּונדן מיט לעבּנס־געפאַר. זעלטן ווען האָט אַ געוויינלעכער ייד געקענט וואָס פאַר זיך דורכזועצן אָדער זיך אַריינבּאַקומען אין אַ בּעסערן אַרבּעטס־אָרט אָן דער מיטהילף פון די אייגענע פירער און שטאַרקע לייט. די האָבּן אויך געהאַט זייער „פירמע". אין פּוילן —

## בּעסערע לייט אָדער פּראָמינענץ

אין ליטע, ווי שוין דערמאָנט —

## יעלות.

פון זייער וואָרט איז מען פיל מאָל אָפּגעהאנגען. זיי האָבּן געקענט בּאַשיצן פון אַרויסגעשיקט ווערן, פון אַריינפאַלן אין אַ שלעכטער קאָמאַנדע, אָדער טאַקע אויך צושאַרן די גוטע קאָמאַנדע. פון זיי האָט מען גאַנץ אָפט געמוזט האָבּן

## טעקציע

ווי די ווילנער פלעגן זיך אויסדריקן. דער כוח און ווירקונג פון פּראָטעקציע איז גרויס, אָבּער זעלטן ווען ווערט עס געמאַכט אָפן. דאָס רוב אַלץ אויף שט ל. האָט אָט די פּראָטעקציע־קראַפט בּאַקומען אין קאָוונער געטאָ די פאַטענט־מאַרקע

## וויטאמין

אַ וועלט רעדט אַזוי פיל פון וויטאַמינען און זייער גרויסע ווירקונג און פאַרן אויג איז עס אויך ניט צו זען... „וויטאַמין" האָט געהייסן דער בעל־טובה אָט דער אויפטוער און דערבּיי אָבּער אויך דער רואה ואינו נראה, דער מקבל אַליין וואָס געניסט פון וויטאַמין און האַלט אים שטיל אַרונ־טערגעשלונגען האָט געה יסי

## וויטאמינשטשיק.

און פּונקט ווי יענע מעדיצינישע וויטאַמינען האָבּן זייער קלאַסיפיקאַציע (A, B, C...) איז אויך דער נייער רעצעפּט פאָרמולירט געוואָרן אין

## וויטאמין P

P איז דער אָנפאַננס־בּוכשטאַבּ פון פּראָטעקציע (און אויך פון — פאַרך, האָבּן אנדערע צוגעגעבּן), עס זיינען דערפאַר געווען מענטשן

## הוילע וויטאַמינען

זיי האָבן שוין געהאַט דעם אמתן צד אין ט״ש, געווען שטאַרק פּראָטעזשירט ביים אַריינבאַקומען זיך אין אַ וואַרעמען ערטעלע און זיינען בכלל געוואָרן ברייט געשיצט קעגן די פאַרשיידענע אָנשיקענישן און אַרויסשיקענישן. אויף די פלעגט מען אייך זאָגן, אַז זיי זיינען

## וויטאַמינירט

אָדער נאָך אויספירלעכער: וויטאַמינירט פון הינטן און פון פאָרנט.

ביטער איז געווען דעם וויטאַמינלאָזן. אין קאָוונער געטאָ פלעגט מען טאַקע דערציילן וועגן אַ מיידל, וואָס איז אין דאָרטיקן אַרבעטס־אַמט גע־קומען מכוח בייטן איר די קאָמאַנדע אויף אַ בעסערע. דערביי האָט זי אויפן מיש אַריינגעלייגט צוויי ציבעלעס.

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן? — האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן דער יעלה.

— אָט דאָס איז מיין גאַנצע וויטאַמין — האָט דאָס מיידל געענטפערט.

אַז קיין פּראָטעקציע איז ניטאָ, טאָ זאָל אָט דער שוחד באַשטיין פון דעם אָנגענומענעם וויטאַמין. אגב איז דאָך טאַקע ציבעלע ברי״ט באַקאַנט ווי דער מקור פון וויטאַמינען...

דער כוח פון אַ וויטאַמין איז געווען אומגעהויער. און טאָמער האָט אַ וויטאַמינשטשיק שוין געמוזט אַמאָל גיין לכל הפחות אויף אַ טאָג אין אַ שלעכטע קאָמאַנדע האָט ער עס געמאַכט דורך אַ

## מ ל א ך

פּאָר אַ שטיקל ברויט אָדער עטלעכע קאַרטאָפל פלעגט זיך שוין איינגעפינען אַ ממלא מקום אויף די כל עבודת פרך. ביים באַוויזן זיך פון אַזאַ מלאך אין דער קאָמאַנדע, פלעגן זיך באַלד די איבעריקע מענטשן אַ נעם טאָן צו אַרויסקריגן פון אים ווער איז דאָס היינט זיין

## ג אָ ט

דער גאַנצער אינערלעכער יידישער אַפּאַראַט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די אַרבעטס־קרעפטן און כסדר געמוזט „שאַפן דעם איינזאַץ״, האָט אין פיל געטאָס געהייסן

## דאָס געזינדל.

יעדער אָנפירער האָט דאָ אויף די בעסערע פּאָסטנס אַריינגעזעצט זיינעם אַ קרוב אָ־ער אַ גוטן ברודער. „דאָס געזינדל״ האָט צווישן זיך זעלטן ווען גערעדט יידיש, אַלע כמעט זיינען זיי איינער מיטן אַנדערן געווען „פּער דו״ און מ׳האָט זיך גערופן ביי די ערשטע נעמען. מהאי טעמא האָט דער אַרבעטס־אַמט אין קאָוונע גלייך ביים אָנהייב באַקומען דעם נאָמען פון

**סאַשע — יאַשע — מישע.**

בײַ די פּשעמישלער האָט די גאַנצע פּלעיאַדע פון יודענראַט געהייסן

## דאָס װײַסע הויז

נאָך דער צװײטער אַקציע (18. 11. 42) אין פּשעמישל זײַנען די ייִדישע געטאָ־אדונים געװאָרן נאָך מער אויפגעריכט. פאַר זיך מיט זײערע פאַמיליעס צום װױנען האָבן זײ פון די דײַטשן עקסטרא באַקומען אַ באַקװעמען און רחבותדיקן װײַסן הויז אויסערן געטאָ. פון דאַנען פלעגן זײ זיך עס יעדן טאָג אַרונטערלאָזן אין געטאָ אַרײַן צו פירן די ממשלה און תקיפות. װאָס האָט אפשר נאָך מער איבערגעשטיגן דעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט, װעלכער װױנט דאָך אויך, װי באַקאַנט, אין אַ „װײַסן הויז"...

די אַרבעטס־קאָמאַנדעס אָדער קאָלאָנעס, פלעגן אַרויסמאַרשירן צו דער אַרבעט אונטער דער אָנפירונג פון אַ קאָלאָנענפירער. די ליטװאַקעס האָבן אַזאַ קאָמאַנדיר באַקרוינט פאַר אַ

## קלאָגנפירער.

נאָכדעם װי די דײַטשן האָבן זיך געכאַפּט זײער מוראדיקן טעות און חטא — פאַר נידעריקע ברואים גאָר צו געברויכן דאָס הײליקע װאָרט „פירער"! — און פון קאָלאָנענפירער איז געװאָרן קאַפּאָ, האָבן דיזעלבע ליטװאַקעס פון זײער זײַט אויך דעם נײַעם טיטל איבערגעלײגט אויף

## שקאַפּע.

איבער די קאָלאָנענפירער אָדער קאַפּאָס זײַנען אין די געטאָס און טײלמאָל אויך אין די קאַצעטן, געװען נאָך העכערע ייִדישע ממונים מיט פאַרשײדענע ראַנגען און טיטלען. זײער טעטיקײט איז אָבער באַשטאַנען אין אײנס — צוקװעטשן נאָך מער די קאָמאַנדעס מיט די קאָלאָנענפירערס צוזאַמען. אין ריגע האָט מען אָט די פאַרשװינען גערופן

## נוגשים.

נוגש — דאָס איז נאָר אן אַלט־באַקאַנטער ראַנג נאָך פון דער ייִדישער קנעכטשאַפט אין מצרים. די ליטװאַקעס אין ריגע האָבן אויסגעפונען, אַז נוגש איז גאָר אַ ראשי תבות פון

נואף, גנב, שכור.

דער „שטאַרקער מאַן" פון אַרבעטס־אײנזאַץ אָדער אַן אָבער־קאַפּאָ מיט אָט די אַלע אַטריבוטן איז געװען „אונענטבעהרליך" (אומפאַרבײַטלעך). ממש װי געבוירן צו אַזאַ כהונה... אמת זײ אַלײן פלעגן זיך נאָכאַנאַנד קלאָגן אויף זײער גורל און אויך הײליק פאַרזיכערן, אַז זײ לעבן „געננוי מיט דערזעלבער ראַציאָן" װי אַלע. די גרויע מאַסע אין די בײַערישע און אַנדערע קאַצעטן איז זײ אָבער אויך דערבײַ פאַרלאָפן דעם װעג און גערופן

## מאַסקעס.

מ'האָט ניט גענומען ערנסט די זױערע מינע; דערפאַר אָבער האָט מען

געגליבט דאָס ערות זאָגן פון פעמ; פנים אַליין: „קוקט נאָר אָן אַ מאַסקע!.." פלעגן זיך מענטשן איבערזוינקען. אַ קלינגעווריקן. טערמין פאַר דעם חיונה־מקור פון די „מאַסקעס" האָבן שוין צוגעשטעלט די גריכישע און אַנדערע באַלקאַן־יידן —

## קלעפּסי קלעפּסי

אַז דאָס געהיימניספולע וואָ־ט באַדייט גנבה אָדער ארונטערדרייען פון די אָרעמע קאַצעטלער – האָט מען ניט געדאַרפט זיין קיין שפּראַכן־קענער. דער באַלקאַנער ייד פלעגט ביים אַרויסברענגען דעם „קלעפּסי־קלעפּסי" נאָך געבן פיפיק אַ דריי פון אַהינטערן רוקן מיט אַ האַנט רונדלעך־אויסגעבויגענע פינגער. און דאָס האָט שוין אַלץ געזאָגט...

דעם קאַפּאָ אָדער בלאָק־עלטסטן איז אָבער ווייניק־וואָס אָנגעגאַנגען וואָס די „ווערים" בורטשען. וויבאַלד אַז אויך ער לעבט געני מיט „דער־זעלבער ראַציאָן" קען ער בשום אופן ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי זיינען דאָס מענטשן אַזוי אָפּגעלאָזן ביי דער אַרבעט, אָדער קוים וואָס מען שלעפּט זיך צום אַפּעל. ווען דער „גאַנג" איז שוין געווען!.. פאַר די קאַפּאָס פון „אוישוויצער געזינדל". וועלכע האָבן יאָרנלאַנג דורכגעמאַכט זייער סטאַזש אין יענער „אַקאַרעמיע" און נאָכדעם אזוי ברייט געבאַלעבאַטעוועט איבער „זיערע" יידן אין די בייערישע קאַצעטן — פאַר זיי זיינען געווען „איבער־צייגנר" נאָר

## נאָזשהעם,

ווען אַ מענטש ליגט שוין אויסגעצויגן מיט די פיס. אויף אַן אמתן... דרייט זיך נאָך אַרום ויער אויף די פיס און האָט גאָר די העזה זיך קלאָגן אויף זיין געזונט איז עס אַן

## אַרטיסט.

אויף אַזאַ איז אסור לרחם!.. זידלעריי קלעפּ און נגישות האָט שוין דעם יידן ניט געפעלט. אין די אויגן פון די עלטסטע נעמט ווערן אַזאַ אַ

## ביליקער קאַצעטלער.

אין מיידאַנעק הייסט ער א

## הענגער

אַ מין פּאַראַזיט, וואָס פאַרלאָזט זיך רק אויפן צווייטן און הענגט ביי יענעם אויפן האַלדז, גוטע פריינט שאָקלען שוין דערביי מיטן קאָפּ און באַטראַכטן אַזאַ ווי אַ

## קאַנדידאַט.

דער ווייטערדיקער און ענדלעכער וועג פון „קאַנדידאַט" איז אין די מערסטע לאַגערן שוין געוואָרן באַשטימט פון ריין־אַרישע הענט. און די ווייטערדיקע עטלעכע טערמינען אין שייכות מיט דעם זיינען אויפגעקומען

שוין פון גויישע ציינער. דער אַרישער לאַגער־עלטסטער אָדער ס.ס. מאַן ווייזט שוין דווקא אַרויס „רחמנות“ אויף דעם צעקראָכענעם מאַן. אַזאַ ווערט באַצייכנט פאַר אַ

**מוסולמאַן,**

אַלזאָ אַ דערליידיקטער און אויסגעאַרבעטער. און מען שטרענגט אים שוין דאָס רוב אַפילו ניט אָן מיט אַרבעט. אין מיידאַנעק זעצט מען אים אַריין אין

**גאַמעלבלאָק.**

„גאמעל“ אין דייטש־וואָלגאַרער שפּראַך באַדייט — געמיינע עסן... צווישן די אַרישע קאַפּאָס אין אוישוויץ זיינען געווען פיל פּאָליאַקן. די פלעגן די שוואַכערע יידן אָנרופן

**ק אָ ט י.**

קעץ, געמיינע ברואים. וואָס פאַררינען נאָר אַ גיכן סוף.

דער „סוף“ אין געטאָ צי אין קאַצעט פלעגט געוויינלעך קומען דורך דער אַלגעמיין־באַקאַנטער

**אַ ק צ י ע**

ערטערווייז פלעגן דאָס די דייטשן צופוצן מיטן אויסדרוק

**איבערזידלונג**

אָפיציעל פלעגט עס אייך הייסן

**טראַנספּאָרט.**

די פּאָליאַקן פלעגן די גאַנצע פּראָצעדור ציניש אָנרופן

**יאַזדאַ דאָ קאָמינאַ**

ביי די פּוילישע יידן פלעגט דאָס רוב אַן אַקציע הייסן

**ס ע ל ע ק צ י ע.**

די יידן פון ווילנע האָבן עס אָנגערופן פשוט

**ט ש י ס ט ק ע.**

די קאָוונער, ווידער —

**סאָרטיראָווקע,**

און דעם הויפּט־דורכפירער פון דער אַקציע —

**ס אָ ר ט י ר ע ר.**

אַ קרעמאַטאָריום האָט געהייסן ביי די ליטווישע יידן

**סקאָוואַראָדע.**

---

מוראריקע איבערלעבונגען און גאָר פינצטערע פערספעקטיוון האָבן ארומגעהילט און געפרעסט דעם גייסט פון דעם דערשלאָגענעם יידן אין געטאָ און קאַצעט. ניט געווען דער טאָג אָן אַ וועלכער טרויעריקער געשעע־ניש מיט אַ צוגאָב נאָך פון דערשיטערנדיקע קלאַנגען... צוגלייך אָבער פלעגט אויך יעדן טאָג אויפשטראַלן אין יידישע הערצער אַלץ נייע האָפענונג און זיכערקייט אין אַ ליכטיקן באַלד, וואָס ניט ווייניק גרונט דערצו פלעגט צוגעבן – דאָס שמועסן פּאָליטיק!

## חדשות

נייס, אָט דאָס וואָרט האָט געברענט אויף די ליפּן פון יעדן יידן... קומען מענטשן אינאָוונט קוים לעבעדיקע פון דער אַרבעט; אָדער אינמיטן נאַכט. ווען „נאָט אַליין שלאָפט נאָך" און די העפטלינגע ווערן שוין געיאָגט אין חושך און אין בלאָטע און קעלט צום אַפּעל־פּלאַץ; אָדער די קאָמאַנדע גייט שוין ארוים צו דער אַרבעט און טרעפט זיך מיטן צוריקמאַרשירנדיקן „נאַכט־שיכט" – יעדעסמאָל בײַ נאָר אַ באַגעגעניש פון יידן, מעג זיין אויף איין פיס און פון אונטער דער שטרענגסטער שמירה – שטענדיק און בײַ יעדער געלעגנהייט פליט באַלד פון איינעם צום צווייטן די פראַגע: חדשות?...

די ערשטע זאַך וויל מען נאָר הערן. דער מקור איז ניט וויכטיק. שפּעטער אַ ווײַלע אַז די צרות אַרום זיינען פּאָרט אַזוי גרויס און ביטער גיט שוין בײַ דעם סקעפּטיק עפּעס אַ וואַקל די גאַנצע זאַך. יידן קרעכצענען אונטער און זיינען אין ציטער. אַז די אַלע גוטע און מונטערע ידיעות זאָלן נאָר אַמאָל ניט שטאַמען פון

## יי וו אָ

ווײַן וו ײַקן אַזוי... אַ באַקאַנטע „נייס־אַגענטור" געווען בײַ די יידן אין באַלטיקום. נאָר דאָרט ביים באַלטישן ים גופא, אין ריגע, איז נאָך געווען אַ געטאָ פון דײַטשע יידן מיט שוין נאָר „ווײַל־ע" אָפּטימיסטן, בײַ די פלעגט קומען

## זיבן מאָל א טאָג משיח.

אַזוי פלעגן די קאַלטע לעטישע און ליטווישע יידן אויפנעמען די שטענ־דיק וווּנדערבאַרע נייס פונם „דײַטשן געטאָ". די גאָר טרוקענע ליטוואַקעס דאַרט פלעגן מיטן אויסהערן די „דײַטשע" נייס באַלד נאָך צוגעבן:

## ערגער...

ווירער אַ מין אַגענטור: ריגער געטאָ רונדפונק, און – זאָל אָקאָרשט ניט זיין ערגער...

איך פאַר זייערע גוישע שכנים האָבן יידן צוגעטראַכט אַ „נייס־אַגענ־טור". אין דער ערשטער צייט פון נאַצי־אָקופּאַציע פלעגן זיך אָפּט ווענדן ליטווינער אָדער רוסן צו זייערע באַקאַנטע יידן וועגן דערקלערן זיי דעם באַריכט פון DNB (דײַטשע נאַכריכטען ביוראָ), וואָס חזרט זיך איבער כמעט

ביי יעדער ידיעה אין זייערע ציימונגען, די יידן פלעגן דאָס וואָרט מפרש זיין:

## דוראַקאַם נ׳יע בוד אָדער אין ליטוויש דורנאָ נע בוק

אָט די פּראָווינץ־צייטונגען, פון די דייטשן אַרויסגעגעבן און מיט די אַלע פאַלשע ידיעות און יידן־פּרעסערישקייט. זיינען עס יאָרנלאַנג געווען פאַר די יידן כמעט דער איינציקער מקור פון נייס און צייטנווייז אויך אום־דערגרייכבאַר און אַפילו מיט ניט וויניק לעבנס־געפאַר פאַרבונדן. יידן פלעגן אויסגיין צו קענען נאָר מיט די אייגענע אויגן דורכלויפן אַ שטיקל צייטונג

## אַ לייענעוודיקע

אין באַלטיקום האָט אַ ציימונג אויך געהייסן

## אַ כתיבה.

דער לעבעריקסטער נייס־אָנזאָגער און מחיהדיקע מוזיק איז געווען — די סירענע, דער אַלאַרם קעגן לופט־אָנגריף. אויך אינמיטן נאַכט און ביי יעדן וועטער פלעגן יידן אין די מורא־געטאָס אַרויסשפּרינגען צעשטראַלטע אין דרויסן און אויסקוקן אויף די סאָוועטישע אַעראָפּלאַנען, די

## רויטע הינער.

זעלטן ווער עס האָט זיך געשראָקן פאַר די באָמבעס. די ישועה אַליין האָט מען געזען אין די

## סנײדלעך.

יעדן טאָג כסדר האָט מען אַלץ געוואַרט אויף דער „אמתער אַטאַקע" פון די רוסן, די

## ריישלעך.

אין די בייערישע לאַגערן האָט מען אָפט גערעדט וועגן די

## מחותנים

די ענגלענדער, אונדזערע שותּפים אין ארץ־ישראל. ניט פאַרגעסן האָט מען אויך דעם

## פעטער ראובן און מומע מערע

אָט רעם פּרעזידענט רוזוועלט און זיין אַמעריקע.

דעם גרעסטן אָרט האָבן אָבער אין די שמועסן פאַרנומען די דייטשן, אָט די

## אשכנזים, יעקעס, עמלקים, דאַלעדן, אינדיקעס...

געמען אָן אַ צאָל האָט אויך געהאַט היטלער. לויטן ערשטן בוכשטאַב אין יידישן באַדייט פון וואָרט „היטלער" -

## דער היי, קאַפּעלושמאַכער, קאַפּעלושניק, קירזנער, מצנפת...

די אַמאָליקע פּראָפעסיע זיינע איז געווען מאַלעריי, און דערפון —

דער פּינזלער, שמירער, פּאַטשקון...

נאָך דער רשעות פון היטלערן –

דער צורר הגדול, המן, רשע מרושע, אַשמדאי, מלאך־המות, ימח שמו...

היטלערס גאווה און חוצפה האָבן אים פאַרשאַפט די צונעמען:

דער האָן, אינדיק, סמבטיון, הלעיטני, קוויטשער, גרויסע מויל...

היטלער אַלס פירער –

דער סוס, פורמאַן, בעל־העגלה, ארבעה (פיר; פירער)...

די פוילישע יידן האָבן זיך געגרונטעוועט אין היטלערס פאַמיליע־שטאַנד און אים אויך גערופן

דער אַלטער בחור.

יאָזעף געבעלס איז אויך געווען צווישן עולם גוט באַקאַנט ווי:

יאָסעלע, יאַסעלע רשעלע (ראָשעלע), דער בעל־חלומות (יוסף), דער בעל־דרשן, בולער, בולדאָג, דער קאַליאָקע הינטל, פּישקע (דער קרומער), בייגעלע (איבערגע־דרייט פון „געבעלס“. אויך אויסגעדרייט און קרום)...

אין באַלטיקום האָט גערינג געהאַט זיין נאָמען

דער געזאַלצענער אָדער סעליאָדקע.

גערינג איז הערינג. און הערינג איז געזאַלצן.

ווען אויף דער אַרענע האָט זיך אָנגעהויבן אַלץ מער אַרויסרוקן הימלער, פלעגט מען אין די בייערישע לאַגערן הערן:

דער ש מ יי ם.

ווי אַן אילוסטראַציע צו דעם „פּאָליטיק ריידן". דער עיקר אין די לאַ־גערן, זאָל דאָ איבערגעגעבן ווערן אַ פּאָר אַזוינע שמועסן. —

זומער 1943 אין קאַצעט קייזערוואַלד. צו אַ גרופּע ייִדן, וועלכע אַרבעטן אויף ר״גער אַעראָדראָם ביים אָנלאָדן קיס (זשוויר), שפּרינגט אונטער אַ ייִד פון אַ צווייטער קאָמאַנדע און ווענדעט זיך אין זיין ליטווישן דיאַלעקט צו אַ צווייטן ליטוואַק פון דער קיס־קאָמאַנדע:

— אַ כתיבה געוואהט (אַ צייטונג געזען)?.. וואָס איז מכות דעם קיילעכדיקן סאַמעך (סמך; אינרזל סיצ ליע)?.. און ביי דער גרויסער ציבעלע? (וועליקאָ אין רוסיש — גרוים, לוק - אַ ציבעלע; אַלזאָ, דער פראָנט פון וועליקי־לוקי). בשמיים ממעל (לופט־אָנגריפן) איז עפּעס דאָ?.. טאַקע אַ סך קנײדלעך (באָמבעס) אויפן מקום ב״ז (בית; בערלין)?.. מ׳רברט עפּעס אויך וועגן במיים מתחת (שיפן־פאַרזינקונג)... וואָס, אַ נאָר וואַזשנער לוויתן (קרייסער) ט׳געכאַפּט די אמתע מכה בצדו (טאָרפּעדא)?.. יהודים, מיר וועלן זיך נאָך משמח זיין מיט אַ ריקודל אויף זייערע קברים!.. מען מוז אָבער ציען אַ קאַמאַש (לויפן); מיין יאַ טעבע דאַם (ס. ס.) קאַלופּעט שוין אויף מיר די וועלפישע עינים; אַרו סטאַנצן זאָלן זי׳ אים נאָר רבונו של עולם!..

די דייטשע ייִדן פון דער קיס־קאָמאַנדע האָבן סתם ניט פאַרשטאַנען אַ וואָרט פונם גאַנצן שמועס. ד׳ קורלענדישע און „ריגענזער" ייִדן האָבן אָבער איינגעשאַצט דעם בעל־שמועס ווי אַ מוסמך און אַוודאי אויך געווען אַ רב...

— אַז ער איז קיין רב ניט געווען — האָט דער ליטוואַק פון דער קיס־קאָמאַנדע געשמייכלט — ווייס איך זיכער, ווייל איך קען אים פון קאָוונע ווי אַ שטעפּער. און וואָס שייך אַ מוסמך, האָבן די לעטישע ייִדן ווידער אַ טעות; נאָר פאַר לויפן גוט און לאַנג והוא רחום האָט נאָך אין ליטע קיינער ניט געקראָגן קיין סמיכה...

און ווידער אַ שמועס. יוני 1944 אין אַ לאַגער הינטער פּאָנעוועזש (ליטע).

שוין טעג ווי מען רעדט, אַז די אַליאירטע זאָלן האָבן געמאַכט אַן אינוואַזיע אין מעריב־אייראָפּע. עס גייען אַרום די פאַרשיידנסטע קלאַנגען און פּרטים אַפילו. איין טאָג האָט איינער אַ געוועזענער לערער באַוויזן ביי דער אַרבעט צו כאַפּן בגנבה אַ קוק אין אַ מייסטערס אַ צייטונג. פאַרנאַכט קומען אַריין צו אים אין בלאָק אַ פּאָר ייִדן נאָך נייס.

— אז טאַקע אמת, אַז די אינוואַזיע איז געמאַכט אין פראַנקרייך, דענעמאַרק, האָלאַנד און נאָרוועגן און אַפילו אין דייטשלאַנד?

— אין צייטונג שטייט נאָר וועגן נאָרמאַנדיע, אַ פּראָווינץ אין פראַנקרייך.

— אָט דאָס אַלץ? — שפּרינגט אויף איין ייד — אָט זאָגט איר דאָך אַליין, אַז אויך נאָרמאַנדיע, איז דאָך שוין נאָרוועגן!..

— ניין — דערקלערט דער לערער — נאָרמאַנדיע האָט נאָר אַן ענלעכן קלאַנג ווי נאָרוועגן. דער נאָמען איז אויך פילאָלאָגיש און היסטאָריש פאַרבונדן מיט נאָרוועגן. רעדט מען אָבער וועגן דער אינוואַזיע איז דאָס געשען ניט אין קיין נאָרוועגן, נאָר אין פראַנקרייך..

— מיט וועמען רערסטו?!.. — טוט דער צווייטער ייד אַ צי מיט צאָרן זיין חבר — זעסט דאָך, אַז אַ מענטש וועט דיר צונויפשלעפּן „ענלעכע קלאַנגען" מיט פילאָלאָגיעס און היסטאָריעס, אַבי נאָר פון דער אינוואַזיע צו מאַכן אַ האָן!.. מסתמא נאָך צו ווייניק צרות פאַרזוכט; ניט בעסער ווי אַ היטלעריסט! .

ווי אַן אָפּגעשמיסענער איז אַ צייט נאָך געשטאַנען ווי פאַרזונקען אין מחשבות דער לערער איבערן מיטן בלאָק. נאָך אַ לאַנגן טראַכטן האָט ער אָפּגעזיפצעט: - אפשר בין איך יאָ אַ ביסל בעסער ווי אַ היטלעריסט. קענען אָט די יידן אָבער האָב איך על כל פנים געהאַנדלט ווי אַ מענטש מיט אַ האַרץ פון אַ טאָטער. .

## תיקון־טעות

אין ערשטן טייל פון זעלבן אַרטיקל אין פאָריקן נומער, זייט 23 שפּאַלט 1 שורה 8 פון אונטן, דאַרף זיין אנשטאַט יעלה — אַ יעלה.

זייט 24, שפּאַלט 1, שורה 15 פון איבן, אנשטאט „דער אומגליק אין האַט!" דאַרף זיין „מיטן אומגליק אין האַנט!"

# פון אונדזער לידער־זאמלונג

## לאָמיר שווייגן

לאַנגער קלאָנגע, עסטלאַנד
דיכטער — אומבאַקאַנט

לאָמיר שווייגן, ווייטער שווייגן,
און קיין וואָרט גערעדט;
לאָמיר מיט פאַרמאַכטע אויגן
מורמלען אַ געבעט.
נישט די צוימען, נישט די דראָטן
נישט די יואַך וואָס שטייט —
קיינער קען אונדז ניט פאַרבאָטן
ווינען שטילערהייט.

אונדז. אַזוי ווי בוימער שטילע
ווינטל, נישט פאַרמייד;
אפשר וועסטו אונדזער תפילה
גאָר פאַרטראָגן ווייט.
זאָלסט זיך ווינטל, לאַנג נישט זאמען,
טאָן וועסט דאָס געוויס —
צו מיין אַלטער קראַנקער מאַמען
טראָג מיין היים גערים!

צווישן טוויזנטער, מיליאָנעי
אוינן אַלערליי
וועסט מיין מאַמעס גלייך דערקענען,
אַנדערש זיינען זיי.
אירע אויגן רק פאַרטרערטע.
ס׳טריקנט זיי קיין ווינט;
אין אַ לאַנגער אַ פאַרצערטע
בענקט זי נאָך איר קינד.

אייל זיך, ווינטל, שנעל געפלויגן —
איך מיין גרוס איר שיק!
ס׳וועלן אירע קראַנקע אויגן
זען איר קינד צוריק...
לאַכט דאָס ווינטל, אפשר ווייגט עס —
רוימט אַ סוד מיר איין...
איך פאַרשטיי ניט. אפשר מיינט עס:
ס׳וועט מיין סוף דאָ זיין...

כ׳וויל דעם ווינטל עפּעס פרעגן.
ס׳דריקט דאָס האַרץ אַ טרער, —
איז דאָס ווינטל שנעל פאַרפלויגן
און קיין וואָרט נישט מער...
טאָ לאָמיר שווייגן, ווייטער שווייגן.
און קיין וואָרט געזערט;
לאָמיר מיט פאַרמאַכטע אויגן
מורמלען אַ געבעט.

# געטאַ־דירות

געטאָ — קאָוונע
ד׳כטער — אומבאַקאַנט

עס וווינען אינאײנעם דריי־פיר שכנים
און קינדערלעך — גאָר אַ מחיה;
יערע ווײלע ווערט אַ יעלה
און אַ קריג אַ נייע.

זעלטן ווען עס פעלט פון דער אונטערוועלט
מיטוווינער אין אַ דירה;
מען הערט נאָר טענות. מען שלאָגט הישענות —
מען מאַכט זיך די פגירה.

דער איז נ׳ט ערלעך. דער איז שלעכט געפּער׳עך
און אָט די זיינען סתם גנידעס;
די זיינען באַריידער, זינגען אױס פון ח־ר,
און די האָבן פ׳ינט די דעות.

ביינאַכט האָט אַ חולה געמאַכט אין אַ כלי —
איז אַרוים מיט קללות באַשקע:
נעם צו דיין צרה, וואָן מיט איר אַ כפרה!..
יענע זי ענטפערט — מיט אַ פראַסקע!

— עס פאַטערט מיך די מאַר מיט איר רויך און טשאַד;
מען דאַרף יענעם אייך מיטפילן!..
— ווער פרעגט דאָ אײך דעות?! — שרייט זי נערוועז;
א׳ר נים איינצושטילן.

אין דער צ׳יט פון קאָכן וויל יעדער שכן
מאַכן פריער דעם אָנבייסן;
די טראָגט האָלץ אין קיך, די שטעלט צו גיך —
מען הויבט זיך אָן צו רייסן.

מען הערט אַ קללה, עס ווערט אַ בהלה,
עס קען שוין טומל קלעקן;
די ווייזט גבורה, צעדראַפּעט די צורה —
די צווייטע אַרבעט מ׳ט אַ שטעקן.

ווען עס קומט ביינאַכט ווערט אַ נייער שלאַכט —
עס קומען צוגיין די מענער.
דאַן ווערט די דירה פול מיט מסירה —
מען פיקט זיך ווי די הענער.

- דו חזיר־פרעסער, מאַכסט טריף מיין מעסער,
אַ רוח אין דיין זיידן!..
— דו שטיק מוסר, ווילסט עסן כשר,
טראָג זיך אין גן־עדן!..

— דיין בעטל איז צו לאַנג, שטער ניט אין דורכגאַנג!..
— דו שמוץ ניט איין די דילן!..
— איר טומלט שוין ווידער מיט אייערע לידער,
מיט אייער קאָרט־שפּילן!..

דער האַלט זיך אין ראַזירן, אַ פּאָרונקל שמירן —
די עלעקטרע ווערט איסגעלאָשן!..
האָט ווער פון עולם געמאַכט אין די כלים —
עס הערשט דאָרט פייסט און לשון..

דער הוסט און סאָפּעט, דער שלאָפט און כראָפּעט,
דער שרייט: אוי! לאָזט מיר שלאָפן!
ער כאַפּט מיט כעס אַ שוך, אַ קאלאש —
און גלייך אין שייב געטראָפן.

צווישן אונדז גערעדט, איז שולדיק דער קאָמיטעט
ער האָט געקענט אַלעמען גלייך פאַרטיילן;
איינעם אַ סך, דעם צווייטן קיין זאַך —
איך דאַרף אייך קיין סך ניט דערציילן..

אָבער גאָט זועט געבן, מיר וועלן דערלעבן
צו קומען אין די אַלטע היימען;
יעדער צו זיין קאָמער, מאַשין און האַמער —
און צו זיין קיך און קוימען.

און מאַכן אַ כוסה און טאַקע אַ גרויסע
צו סיום פון געטאָ־מלוכה,
און אַלע אינאיינעם באַלעבאָס און שכנים
ויעלן לעבן אין נחת און מנוחה.

---

באַמערקונג:

די ביידע געבראַכטע לידער, ווי געוויינגע פון די מאַסן, האָבן אייניקע פערזן אין פאַרשידענע וואַריאַנטן. דאָ ברענגען מיר דעם מער פאַרשפרייטן טעקסט.

# פון דאָקומענטן־אַרכיוו



DER LEITER
[illegible]
in Ost-Oberschlesien

SOSNOWITZ, den [illegible]

An den
Aeltestenrat
Bendsburg

23. APR. 1943

Betrifft: Mitteilung

[illegible] Mitteilung der Geheimen Staatspolizei, Aussendienststelle [illegible] wurden nachfolgende Personen wegen Hochverrat durch Erschiessen zum Tode verurteilt.

Das Urteil wurde am 29.3.1943 in Auschwitz vollstreckt.

Auf Veranlassung obiger Behörde sind je 5 Personen aus dem Lebenskreis der Verurteilten vorzuladen und ihnen über die Vollstreckung des Urteils Mitteilung zu machen.

Die Sterbeurkunden können beim Standesamt in Auschwitz unter Angabe aller nötigen Daten angefordert werden.

Ueber die Erledigung ist der Zentrale Bescheid zukommen zu lassen.

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 1. [illegible] | Beer Isr. | geb. 13.7.1[illegible]20-Bendsburg, | wohn. Bg. | [illegible]str. 19 |
| 2. [illegible] | [illegible] | " | [illegible].1912- " | " | " [illegible]str. 44 |
| 3. [illegible] | [illegible] Israel | " | 13.[illegible].1913-[illegible] | " | " [illegible] 5 |
| 4. [illegible] | [illegible] | " | 1915-[illegible] | " | " [illegible]str. 42 |
| 5. [illegible] | [illegible] | " | 3.4.1917-[illegible] | " | " [illegible] 23 |
| 6. [illegible] | Israel [illegible] | " | [illegible].9.1916- " | " | " [illegible] 2 |
| 7. [illegible] | [illegible] | " | [illegible]-[illegible] | " | " [illegible]str. 44 |
| 8. [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible]-[illegible] | " | " [illegible]str. 13 |

Zentrale für [illegible]
Hilfe in Sosnowitz

[illegible]

דאָקומענט 1

**Der Oberbürgermeister der Stadt Königsberg (Pr)** Grundstücksamt

| Ihr Zeichen | Ihre Nachricht | Mein Zeichen (bei Antwort angeben) | Tag |
| --- | --- | --- | --- |
| | | [illegible] | [illegible]/X.1938 |

München
Einlauf
13. Okt. 1938
Einlaufamt I

Betr.: Abbruch der Synagogen.

In einer Sitzung der Gemeinderäte ist der Abbruch der hier bestehenden zwei Synagogen angeregt worden.

Da bei Ihnen bereits der Abbruch der Synagogen erfolgt ist, bitte ich um gefl. Mitteilung, welche Erfahrungen dort bei dem Abbruch der Synagogen gesammelt worden sind, ob die Grundstücke enteignet oder angekauft sind und nach welchen Grundsätzen die Entschädigung bzw. der Kaufpreis berechnet worden ist.

Im Auftrage:
gez. Lou.
Beglaubigt:

Stadtoberinspektor.

An den
Herrn Oberbürgermeister

München

דאָקומענט 2

# איבערזעצונג פון די דאקומענטן

סאָסנאָוויעץ. דעם 22־טן אַפּריל 1943
דער לייטער פון די עלטסטע ־ ראַטן
פון די יידישע קולטוס ־ געמיינדעס
אין מזרח־אויבערשלעזיע

פרעזידיום.

צום עלטסטן ־ ראַט

בענדין.

מ י ט ײ ל ו נ ג

לויט דער מיטיילונג פון דער געהיימער שטאַטס ־ פּאָליציי (געשטאַפּאָ) אָפּטיילונג סאָסנאָוויעץ זיינען די אונטן אָנגעגעבענע פּערזאָנען צוליב האַנדל־פעררעט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך דערשיסן.

דער אורטייל איז געוואָרן אויסגעפירט דעם 29.3.43 אין אוישוויץ.

לויט דעם באַפעל פון דעם אויבנדערמאָנטן אַמט דאַרף מען איינלאַדן צו 5 פּערזאָן פון די קרובים פון די פאַראורטיילטע און זיי מיטיילן וועגן דער דורכפירונג פון אורטייל.

די טויט־שיינען קען מען אַרויספאָדערן פון דעם ציווילן פאַרוואַלטונגס־אַמט אין אוישוויץ אָנגעבנדיק אַלע נויטיקע דאַטן.

וועגן דער דערליידיקונג דאַרף ווערן געמעלדעט דער צענטראַלע.

1. גרובאַרט בער ישראל, געב. 13.7.1923 בענדין, געוווינט: בענדין, מאַרקנאַס 19
2. בראָדקיעוויטש קלמן ישראל, „ 5.9.1912 „ „ „ בורגנאַס 44
3. ברייטבאַרד נפתלי ישראל, „ 15.9.1913 פּסאַכי „ „ לאַנגערוועג 5
4. יאַקאָבסאָן חיים ישראל, „ 1915 זאַרנאָוויעץ „ בורגנאַס 42
5. מערן אהרון ישראל „ 3.4.1917 בענדין „ „ א. רינג 26
6. שענבערג ישראל וואָלף „ 5.7.1916 „ „ „ דאַמוועג 2
7. שעמבערג מאשעק ישראל „ 15.5.1895 זשאַרקי „ „ בורגנאַס 44
8. זאכאַריאַש שמואל ליב ישראל 16.10.1920 דאָרטמונד „ א. היופּטשטר. 13

צענטראַלע פון די יידישע עלטסטע־ראַטן
אין מזרח־אויבערשלעזיע
סאָסנאָוויעץ
(אונטערשריפט)
פאני סארא משארנא

דער אָבערבירגערמייסטער פון דער שטאָט קעניגסבערג

| | |
|---|---|
| מיין צייכן | דאַטע: |
| 612/15 | 10 X 1938 |

באַטרעף: צעשטערונג פון סינאַגאָגעס.

אויף אַ זיצונג פון די געמיינדע־ראַטן איז אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע וועגן צעשטערן די 2 סינאַגאָגעס, וועלכע געפינען זיך דאָ.

אזוי ווי ביי אייך איז שוין די צעשטערונג פון די סינאַגאָגעס דורכגעפירט געוואָרן, בעט איך געפעליגסט מיר מיטצוטיילן, וועלכע רערפאַרונגען איר האָט ביי אייך צוזאַמענגעקליבן ביי דער צעשטערונג פון די סינאַגאָגעס, זיינען די פלעצער קאָנפיסקירט געוואָרן אָדער אָפגעקייפט און לויט וועלכע גרונטזאַצן איז באַרעכנט געוואָרן די אַנטשעדיקונג אָדער קויפס־פרייז.

אין אויפטראַג:
געז. לאַו
באַגלויביקט: (אונטערשריפט)
שטאָטישער אינספעקטאָר

צום הערן
אָבערבירגערמייסטער
מינכען

# אויפקלערונגען צו די דאָקומענטן

נומער 1:

ווי עס איז צו זען פון דער אָפיציעלער מיטיילונג האַנדלט זיך דאָ וועגן 8 קרבנות (און כמעט אַלע פון יונגן עלטער) צוליב „האָכפעררַאַט". ווי די בענדינגער יידן גיבן איבער, זיינען די אַלע געווען פאַרמישט אין אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנדס־באַוועגונג קעגן די דייטשן. דאָס אויפדעקן פון פלאַן און דאָס דערשיסן פון די 8 אַקטיוויסטע טוער איז געווען אַ טויט־קלאַפּ פאַר דער גאַנצער באַוועגונג. ווי עס איז אויך צו זען פון דאָקומענט איז דער „האָכפעררַאַט" פאָרגעקומען נאָך פאַרן געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע (דאָרט האָט זיך דער אויפשטאַנד ווי באַקאַנט אָנגעהויבן אין צווייטער העלפט אַפּריל 1943).

וועגן דעם גאַנצן ענין האָפן מיר נאָך איינגיבן צו געבן אַ מער ברייטערע באַשרייבונג.

### נומער 2:

די שטאָט מינכען, וואָס איז געווען דאָס וויגעלע פון נאַציזם און זוכה געווען צו זיין די „הויפּשטאָט פון דער באַוועגונג", האָט זיך אין דער יידן־פראַגע, פאַרשטייט זיך, אויך באַמיט צו גיין אויפן ערשטן אָרט און זיך ארויסשטעלן ווי אַ מוסטער פאַר די אַנדערע שטעט אין דייטשלאַנד. ווי עס איז צו זען פון דעם געבראַכטן דאָקומענט נר. 2 אין פאַריקן נומער האָט מינכען אויף דער אייגענער האַנט, ניט אָנפרעגנדיק אַפילו דעם רייכס־זיכערהייטס־הויפּטאַמט אין בערלין, זיך גענומען בייען פאַר יידן אַ געטאָ. פון דעם דאָ געבראַכטן דאָקומענט איז צו זען, ווי אויך אין דעם צעשטערן פון יידישע סינאַגאָגעס איז מינכען געגאַנגען פאָרויס. און פון אַנדערע מקומות, אויך גרויסע און חשובע אין דייטשלאַנד, ווענדט מען זיך אהער נאָך אָנווייזונגען א.א.וו.

שוין אין יוני 1938 איז אין מינכען אויף הערצאָג מאַקס שטר. ארונטער־געטראָגן געוואָרן די סינאַגאָגע וואָס איז געווען בריט באַרופן מיט איר פּרעכטיקער ארכיטעקטור. קיין דאָקומענטן וועגן דער דירעקטער סיבה פון דער צעשטערונג באַזיצן מיר נאָך לעת־עתה ניט. ווי די אַלט־מינכענער יידן גיבן איבער זאָל היטלער האָבן דאַן באַזוכט דאָס מינכענער קינסטלער־הויז, וואָס פון די הינטער־פענסטער דאָרט האָט זיך אַרויסגעזען די שבנותריקע סינאַגאָגע פון הערצאָג־מאַקס שטראַסע. דער אָנבליק פון יידישן מקום־קדוש האָט אַריינגעבראַכט היטלערן אין צאָרן, און ער איז אָנגעפאַלן אויף זיין באַגלייטער, דעם גאַו־לייטער פון מינכען, וואַגנער הלמאי „אָט דער שאַנד־פלעק פאַר מינכען פיגורירט נאָך אַזוי פרעך... איך וויל עס מער ניט זען!" — האָט ער געשטורעמט. דערמיט אַליין איז שוין געחתמעט געוואָרן דער גורל פון דער סינאַגאָגע. אויף מאָרגן האָט וואַגנער פאַררופן צו זיך די פאָרשטייער פון דער יידישער קולטוס־געמיינדע און זיי געמאָלדן, אַז די סינאַגאָגע מוז די טעג ארונטערגעבראָכן ווערן. ווי אַ פאָרמעלן גרונט האָט ער אָנגעגעבן, אַז אויף דעם פּלאַץ ווערט געפּלאַנט צו איינאָרדענען אַן אויטאָ־פּאַרק.

הגם די איבערגעבליבענע געשיכטע מיט היטלערס ירגזון קען שוין זיין גענוג אויף צו דערקלערן די סיבה פון דער סינאַגאָגע־צעשטערונג, איז כדאי דאָ צו ברענגען נאָך אַ ווערסיע, וואָס עס צירקולירט וועגן דעם ענין אין די קרייזן פון די מינכענער עוואַנגעליקער. די האָבן געהאַט דערביי ביים קאַרלס־פּלאַץ זייער מאַטעאוס־קירכע. וואָס איז אין דער זעלבער צייט ארונטערגענומען געוואָרן צוליב דעם בויען אַן אונטערגרונט־באַן ווי אויך צוליבן איבערברייטערן די ענגע זאָנענשטראַסע, וווּ די קירכע איז געשטאַנען. די עוואַנגעליקער, וועלכע זיינען אין דער קאַטוילישער מינכען אַ מינדערהייט, זיינען דערביי געווען שטאַרק אומצופרידן און זיך געפילט באַעוולט. מיט

דעם צעשטערן אָבער אויך אַ געבעט־הויז פון אַ צווייטער „מינדערהייט". ווי די ייד־שע סינאַגאָגע האָבן עס די רעגירונגס־קרייזן געמיינט אויך צו געבן אַ געוויסע „פסיכאָלאָגישע" סאַטיספאַקציע זייערע פראָטעסטאַנטן־עוואַנגעליקער און שטילן זייער ברוגז.

די קולטוס־געמיינדע האָט פייערלעך איינגעאָרדנט אַ לעצטע תפילה אין סינאַגאָגע. פאַרן ענדיקן די תפילה, האָט די גוט באַקאַנטע (באַזונדערש — פאַר די שפּעטערדיקע ייד־שע דאַכאו־קאַצעטלער) בוי־פירמע לעאָנאַרד מאָל זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אַזאַ התלהבות צו דער „אַרבעט". אַז דער דאַך־קופּאָל און נאָך שטיקער בנין זיינען באַלד געפלויגן, און דער עלים האָט זיך ווי שנעלער געמוזט ראַטעווען פון דעם מקום־קדוש. דאָס צעשטערן פון דער ס־נאַגאָגע איז פון די דייטשן פאַרפיקס־רט געוואָרן אין אַ איבער 200 מעטער לאַנגן פילם. (אַ קאָפּיע פון דעם איז ב־ז ניט לאַנג געווען אין דער צ.ה.ק.)

אין דער צ. ה. ק. געפינט זיך אויך די אָפיציעלע קאָפּיע פון דעם ענטפער פון מינכענער מאַגיסטראַט צום אָבערב־רגערמייסטער פון קעניגס־בערג, געשריבן דעם 14־טן אָקטאָבער 1938, „אין אויפטראַג פון דעם אָבער־ב־רגערמייסטער פון דער הויפּטשטאָט פון דער באַוועגונג" דערקלערט דער שטאָטישער אַמטס־ר־רעקטאָר. אַז די פאַרהאַנדלונגען וועגן דער צעשטערונג פון דער סינאַגאָגע אין מינכען און די אַרומ־קע בנינים פון דער איזראַעלי־טישער קולטוס־געמיינדע זיינען געפירט געוואָרן פון בייערישן אינערן־מיניס־טעריום. ווי ער שרייבט ווייטער. האָט די שטאָט מינכען לויט אַ פּעס־שטע־לונג פון זעלבן מיניסטעריום געדאַרפט פאַרן פּלאַץ באַצאָלן 100,000 רייכס־מאַרק. צו די יידישע געמיינדע האָט דאָס געלט טאַקע באַקומען רעדט זיך אין דעם בריוו ניט.

די גאַנצע באַמיאונגען פון קעניגסבערג ניט אָפּצושטיין חס־ושלום קעגן מינכען בנוגע די יידישע סינאַגאָגעס האָט זיך אָבער גאָר גיך אויסגעלאָזט פאַר א־בעריק. סך הכול אין אַ קאַרגן הודש אַרום נאָך דער בריוו־קאָרעס־פּאָנדענץ זיינען געקומען די פּאָגראָם־טעג נאָוועמבער 1938, און די פראַגע פון סינאַגאָגעס איז דורך איין נאַכט איבער גאַנץ דייטשלאַנד „געלייזט" געוואָרן. י. ק.

## אויפקלערונגען צו די דאָקומענטן פון פאַבריקן נומער.

צוליב אַ טעכנישן פאַרזען איז ביי די 2 פאָטאָ־קאָפּירטע דאָקומענטן אין פאַבריקן נומער, זייט 28 און 29 אַרויסגעפאַלן די פאָלגנדיקע באַמערקונגען:

דאָקומענט 1. מכוח שאַפן וווינונגען פאַר די מיטגלידער פון דער ביי־ערישער מלוכה־אָפּערע. —

איז אַפּריל 1942 ווען דער דאָקומענט איז דאַטירט. האָבן שוין אין

גאַנץ מינכען געלעבט ניט מער ווי עטלעכע טויזנט יידן. דאַן איז שוין געווען נאָך דעם טראַנספּאָרט אויף ריגע (ענדע נאָוועמבער 1941) און אַ צווייטן טראַנספּאָרט אויף מזרח. וואָס האָבן אַרויסגעצאַפּט טויזנטער יידן פון מינכען. דאָס ביסל יידן נאָך פון מינכען האָבן געלעבט „צוזאַמענגעלייגט“ אין ענג־שאַפט און אין שלעכטע וווינונגען. אַ קאָנטיקע טייל פון זיי איז שוין געווען אין לאַגער מילבערטסהאָפען (ביי מינכען; זע צווייטע באַמערקונג). „דער פירער“ באַרואיקט זיך אָבער ניט און באַרמאַן פאָדערט אויף לויט זיין פאַר־לאַנג „דאָך נאָכאַמאָל צו אונטערזוכן“ די יידישע וווינונגען. דאָסמאָל נאָר לשם מצוות קונסט...

ווי די אייניקע פון די געציילטע אַלט־מינכענער גיבן איבער. האָבן דאַן די רעזולטאַטן פון דעם גאַנצן אויפטראַג וויניק זיך געלאָזט שפּירן, פשוט אויף צו מאַכן ענג די יידן האָבן די מינכענער אַרונים ניט געדאַרפט וואַרטן אויף אַן עצה טובה פון בערלין. און ווען דער אויפטראַג איז אָנגע־קומען איז אין קיין יידישער וווינונג שוין לאַנג ניט געווען קיין פריי ווינקל.

<u>דאַקומענט 2.</u> מכוח איבערזידלונג פון די יידן אין מינכען. —

אין מערץ 1941 האָבן זיך די מינכענער נאַציס גענומען צום איינאָר־דענען אין מינכענער פאָרשטאָט מילבערטסהאָפען אַ לאַגער און אַהער איבערזידלען די מינכענער און נאָך פיל ביירישע יידן. דאָס זאָל דאַן האָבן בכלל געווען דער ערשטער ספּעציעלער יידן־לאַגער אין דייטשלאַנד. די מינ־כענער יידן ווענדן זיך נאָך הילף קיין בערלין צו דער רייכס־פאַראייניקונג פון די יידן אין דייטשלאַנד. ווי עס איז צו זען פון דעם דאָקומענט, האָט זיך די רייכס־פאַראייניקונג מכוח דעם טאַקע געווענדעט צום רייכס־זיכער־הייטס־הויפּטאַמט, און די מאַכן אויפמערקזאַם זייערע מינכענער חברים. אַז „דאָס איבערזידלען יידן“ אין אַזאַ פאָרם און „באַרינגונגען וואָס קענען פירן צום בילדן אַ געטאָ, איז צוליב פּאָליציי־אישע זיכערהייטס־טעמים ניט געוווּנטשן“.

די מינכענער איניציאַטאָרן פון דער יידן־איבערזידלונג האָבן ווייזט אויס זיך אונטערגעגעבן נאָר טיילוויז. קיין געטאָ איז טאַקע ניט געמאַכט געוואָרן אין מילבערטסהאָפען. אָבער דער לאַגער האָט אויך ווייטער עקזיס־טירט, טיילוויז ווי אַ סטאַבילער וווינאָרט פאַר גרעסערע גרופּעס יידן (דורכ־שניטלעך ביז 450 נפשות) און טיילוויז ווי אַן „אונטערקונפטסשטעלע“ פאַר די טראַנספּאָרטן קיין מזרח. יידן האָבן זיך געפונען אין דעם לאַגער ביז דעם 1־טן מערץ 1943.

י. ק.

# פון אונדזער בילדער-זאַמלונג



געטאָ פון קאָוונע ־ סלאבאדקע. אין דער מודעה אַ האַרבע וואָרנונג ניט גיין נאָענט ביים צוים.

איבערגעגעבן דורך וואָלף גליקסמאַן



אַ מיידעלע גנבעט זיך פון וואַרשעווער געטאָ.

איבערגעגעבן דורך יוסף זוסמאַן




פאַרוואַרלאָזטע קינדער אין וואַרשעיוער געטאָ.
איבערגעגעבן דורך מ. קורליק



אַ גאַנצע פאַמיליע באַשעפטיקט ביים ציען דאָס פעסל „נאַלד" אין לאָדזשער
געטאָ. (אַזוי גערופענע „פעקאַליסטן")          איבערגעגעבן דורך פנחס שוואַרץ



אַ גרופּע קינדער ביי אַן „אויסזידלונג“ פון לאָדזשער געטאָ.
איבערגעגעבן דורך פּנחס שוואַרץ



פראַגמענט פון אַן „אויסזידלונגס־אַקציע” אין אַ שטעטל לעבן לובלין, (פוילן)
איבערגעגעבן דורך ק. לינצען





פראַגמענט פון אַן „אויסזידלונגס־אַקציע“ אין אַ שטעטל לעבן לובלין. (פוילן)
איבערגעגעבן דורך ק. לינצען



פראַגמענט פון אַן „אויסזידלונגס־אַקציע“ אין אַ שטעטל לעבן לובלין, (פוילן)
איבערגעגעבן דורך ק. לינצען

# אַרטיקלען - רשימה

## פֿון יידישן לעבן אין נאַצי־צייט און פּרעסע פֿון שארית הפּליטה,

### „Landsberger Lager-Cajtung" לאַנדסבערג אם לעך

(אין יידיש מיט לאַטייניש אותיות).

| נומער | ערשטער דאַטום | מ ח ב ר | נאָמען פֿון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 5, 7, 8 | 12. 11. 45 | י. אָלייסקי | 28־טער אָקטאָבער: די גרויסע אַקציע אין קאָוונער געטאָ. |
| 10 | 14. 12. 45 | י. גאַר | אַקציע איבער קינדער, אַלטע און אינוואַלידן אין קאָוונער געטאָ. |
| 11, 14 | 21. 12. 45 | י. אָלייסקי | צו דער אינטעליגענטן־אַקציע אין קאָוונער געטאָ. |
| 12 | 31. 12. 45 | י. אָלייסקי | דאָס יאָר 1945 אין דער יידישער געשיכטע. (אַ קורצער איבערבליק). |
| 14 | 18. 1. 46 | א. סוצקעווער | ווי אַזוי ז. קאַלמאַנאָוויטש איז אומגעקומען לעצטע טעג קיים פֿון ז. קאַלמאַנאָוויטש און זיין אומקום. |
| 16 | 5. 2. 46 | י. גאַר | מצב אין קאָוונער געטאָ נאָך דער גרויסער אַקציע. |
| 17, 19 | 15. 2. 46 | י. נעמענציק | מגילת עסטלאַנד. זכרונות פֿון אַ קאָוונער געטאָ־ייד, וואָס איז פֿאַרשלעפּט געוואָרן קיין עסטלאַנד. |
| 20, 21 | 1. 3. 46 | י. וואלף | אָפּגענאַרט די ס. ס. קאָמי־טראַגישע געשיכטע פֿון אַ דייטשן י״ד, וואָס איז מגולגל געוואָרן קין בעלגיען. |
| 21 | 8. 3. 46 | ל. דילער | דער 1 יאַנואַר 1943 אין וואַרשעווער געטאָ. |

| נומער | ערשטער דאַטום | מ ח ב ר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 22 | 15. 3. 46 | דר. ס. גרינהויז | Das Kulturverbrechen am Judentum |
| 23 | 22. 3. 46 | א. סוצקעווער | דער וועג צום געטאָ. וועגן ווילנער געטאָ. |
| 24 | 2. 4. 46 | י. אַבי־געטאָ | פאַר 2 יאָר אין קאָוונער געטאָ. וועגן דער אַקציע איבער קינדער, פּראַימע אַזוי א נוואַל. אין קאָוו. געטאָ. |
| 25 | 15. 4. 46 | א. ראָסטקער | יידן אין קאַמף קעגן נאַצישן אָקופּאַנט. וועג. יידישע העלדן אין אָסט אָה־טאַזאָווויעצק. |
| " | " | מ. פרידענזאָן | פסח 1945 אין קאָלדיץ. |
| " | " | י. פעפער | גרשון וואָדזשיסלאַוו. איבערלעבונגען פון אַ 73־יעריקן קאַצעטלער. |
| " | " | צ. אַלטוסקי | מיין פאָטערס לעצטער סדר. וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. |
| 26 | 26. 4. 46 | י. גען | די לעצטע נאַכט אין לאַגער. פון לאַגער 1 ביי דאַכאַו. |
| 27 29 | 3. 5. 46 | א. מאַרק | אין שאָטן פון טויט און לעבן. פון לאָדזער געטאָ. |
| 31 | 4. 6. 46 | י. סוטין | אַ היטלערישער שטאָט־קאָמענדאַנט. אַ ייד — אַן אָנפירער פון יידישע פּאַרטיזאַנער. [זכרונות פון אַ ווי סרוסישן פּאַרטיזאַנער. |
| 33 | 21. 6. 46 | ג. שילער | יידישע קאַמפס־גרופּע אין בוכנוואַלד. |

## „אונדזער וואָרט“ (אין יידיש מיט לאַט. אותיות) באַמבערג.

| נומער | ערשטער דאַטום | מ ח ב ר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 2 | 18. 3. 46 | י. איכלער | פון טאָגבוך פון אַ פּאַרטיזאַנער. |
| 1,3,5,6,9 | 12. 3. 46 | ש. זינשטיין | גיהנם־בילדלעך. |
| 3,4,5,7 | 29. 3. 46 | א. גרענדע | דערציילונג פון א יידישן פּאַרטיזאַנער. אַ בלעטל געשיכטע פון לובלינער געטאָ. |
| 5 | 12. 4. 46 | ח. סוכאָליצקי | צום יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. |
| 5 | " | ח. פּראַש | 11 אַפּריל, דער טאָג פון באַפרייאונג אין בוכנוואַלד. |
| 6 | 26. 4. 46 | ב. אָרענשטיין | וואַרשעווער אויפשטאַנד. |
| 6, 7, 9 | " | ח. סוכאָליצקי | דער אָנהייב פונעם סוף פון וואַרשעווער געטאָ. דער בלוטיקער פרייטיק־צוגאַכט מאַי 1942. |
| 11/12 | 4. 6. 46 | ראָטשטיין | פריילעכע עפּיזאָדן פון פּאַרטיזאַנער־לעבן. |

## „Center Revue“ (אין דייטש) דעגענדאָרף.

| | | | |
|---|---|---|---|
| 5 | 12. 1. 46 | M. Bari | Meine Erlebnisse als Kazet-Häftling |

## „Jüdische Rundschau“ (אין דייטש), מאַרבורג

| | | | |
|---|---|---|---|
| 3 | April 46 | J. Blumenfeld | Die Hagadah von Warschau |

## „אונדזער האָפענונג“ (אין יידיש מיט לאַט. אותיות) עשוועגע.

| נומער | ערשטער דאַטום | מ ח ב ר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 6 | 11. 7. 46 | י. פעפער | מיין וועג פון מיידאַנעק |

## „אַ היים“ (אין יידיש מיט לאַט. אותיות) לייפּהיים.

| נומער | ערשטער דאַטום | מ ח ב ר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 4 | 14. 3. 46 | ה. ביאַלער | די יאַנואַר־אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ. |
| 5 | 21. 3. 46 | י. פילץ | אַ טאָג אין קאָוונער געטאָ. |
| „ | „ | ע. ליבפריינד | דער וועג נאָך מיידאַנעק. דער 5־טער מאַי 1943 אין וואַרשע. |
| 9 | 2. 5. 46 | ש. קאַטלער | אינטערעסאַנטע פראַגמענטן פון אויפשטאַנד. |
| „ | „ | מ. שטייער | דער טאָג פון מיין באַפרייאונג. |
| 10/11 | 16. 5. 46 | מ. מיליאָנער | די ליקווידאַציע פון ראַדאָמסקער יידנטום. |
| 10/11,13 | „ | | דער טאָג פון מיין באַפרייאונג. קאָנקורס־דערציילונגען וועגן טאָג פון דער באַפרייאונג. |

# באריכטן
# טעטיקייט

= דינסטיק, דעם 30־טן יולי ה.י. איז אין ביבליאָטעק־זאַל פון קולטור־אַמט ביים צ.ק. פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דעם ציטוויילינקן ראַט פון דער צ.ה.ק. אויף דער זיצונג האָט דער לייטער פון דער צ.ה.ק. מ. י. פייגענבוים אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דער טעטיקייט. דער וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר און רעדאַקטאָר ישראל קאַפּלאַן האָט רעפערירט וועגן דער צוקונפטיקער אַרבעט. אין דער דיסקוסיע האָבן אַנטייל גענומען דער לייטער פון קולטור־אַמט ד"ר. שאַטנער, אינזש. לייבאָוויטש, א. כהן, ש. גלובע, א.מ. פּיל־פּאָווסקי, כ. סעגאַל און כץ, עס זיינען אָנגענומען געוואָרן די רעזאָלוציעס: 1. זיך ווענדן צום צ.ק. וועגן אויפפאָדערן די אָ טיקע קאָמיטעטן צו גרינדן ביי זיך היסטאָרישע קאָמיסיעס. 2 די געזאַמלטע מאַטעריאַלן מוזן דורך די אָפּטיילונגען אַריינגעשיקט ווערן אין דער צ.ה.ק. 3. די צ.ה.ק. זאָל אַרויסשיקן אינסטרוקטאָרן צום אָרגאַניזירן נייע היסטאָרישע קאָמיסיעס, ווי אויך אַקטיוויזירן די טעטיקייט פון די עקזיסטירנדיקע קאָמיסיעס. 4. דער ראַט באַגריסט דאָס גרינדן פון אָפּטייל פאַר היינטצייטיגע דאָקומענטן ביי דער צ.ה.ק. און ווינטשט אַ ויאָס ברייטערע טעטיקייט אויף דעם געביט. 5. דער ראַט דריקט אויס זיין אָנערקענונג דעם פריינד ישראל קאַפּלאַן פאַר זיין טעטיקייט אין צ.ה.ק. און באַזונדערש פאַר זיין איבערנעמען די רעדאַקציע־אָפּטייל.

= די פאַנאַנדערגעשיקטע אַנקעטע־בויגנס פון דער צ.ה.ק. צו אַלע לאַנדראַטן און בירגערמייסטערס אין דער אַמעריקאַנער זאָנע וועגן פאַרש ידענע ידיעות בנוגע לאַגערן און דייטשישע יידן, זיינען שוין כמעט אַלע מיט חשובית דערהאַלטן געוואָרן צוריק. די תשובות שטעלן צוזאַמען אַ ווערטפולן מאַטעריאַל פון די דייטשישע יידן, ווי אויך וועגן די לאַגערן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע.

אַנקעטעס פון זעלבן מין האָבן מ ר לעצטנס אָנגעהויבן פאַנאַנדער־צושיקן אין דער פראַנצויזישער און בריטישער זאָנע. מיר מאַכן באַם אונגען דורכצופירן די אַנקעטע אויך אין דער רוסישער זאָנע.

= די צ.ה.ק. האָט מיט דער הסכמה און אונטערשטיצונג פון פּראָדוקטי־

וויזאַציע־אָפּטיילונג ביים צ.ק. פאַנאַנדערגעשיקט צו די פאַכשולן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אַ ווענדונג וועגן דערמונטערן זייערע שילער צום אָנשרייבן זייערע איבערלעבונגען בעת דער מלחמה. די ווענדונג איז פאַרזען אויך מיט די נויטיקע מעטאָדישע אָנווייזונגען. די ערשטע האָט זיך אָפּגערופן די פאַכ־שול אין אשאו (אונטער דער ליטונג פון מעכאַניקער טאַיראָוו) און אונדז צוגעשיקט 23 אַרבעטן אין יידיש, דייטש און אונגאַריש פון שילער אין עלטער פון 14 ביז 17 יאָר. דיזעלבע ווענדונג, מיט דער אונטערשטיצונג פון די געהעריקע מרכזים, האָבן מיר אויך פאַנאַנדערגעשיקט צו אַלע יידישע קיבוצים אין דער אַמעריקאַנער זאָנע.

= אין צ.ה.ק. איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַן אַנקעטע־בייגן פאַר פאַרטי־זאַנער און געוו. מיליטער־לייט. גלייך נאָכן באַקומען די אַנקעטעס פון דרוק וועט זי פאַנאַנדערגעשיקט ווערן צו די געהעריקע אָרגאַניזאַציעס צום אויספילן.

= אין שייכות מיטן צונויפשטעלן אין דער צ.ה.ק. אַן אַלמאַנאַך וועגן די לאַגערן אין די געוו. פוילישע מזרח־געביטן און באַלטיקום, האָבן מיר אַרויס־געלאָזט דורך דער פרעסע פון דער שארית־הפליטה אַ ווענדונג וועגן אויפגעבן גבית־עדות און צושטעלן אונדז דעם געהעריקן מאַטעריאַל. פיל יידן האָבן זיך שוין אָפּגערופן.

= אויפן גרונט פון די אַריינגעקומענע דאָקומענטן איז אונדזער מיטאַר־בעטער ש. גליבע צוגעטראָטן צונויפשטעלן אַ כראָניק פון די חרוב געוואָרענע ייִדישע ישובים ווי אויך אַ קאַרטאָטעק פון אומגעקומענע יידישע פערזענ־לעכקייטן, ענזעקוציע־ערטער מאַסן־קברים, פאַרטיזאַנער־וועלדער א.א.

= אין צ.ה.ק. זיינען אויסגעפאַרטיקט געוואָרן פאָטאָקאָפּיעס פון דער שארית־הפליטה פרעסע און עס צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע דאָקומענטן איבערגעשיקט פאַר דער אויסשטעלונג פון „ייוואָ” אין ניו־יאָרק.

= דורך דער צ.ה.ק. זיינען ווייטער געוואָרן אויפגענומען די נאָטן פון די מעלאָדיעס פון געטאָ און קאַצעט לידער. איצט געפינען זיך שוין אין קאָמיסיע נאָטן צו 50 לידער.

= אין דער לעצטער צייט זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן היסטאָרישע קאָמיסיעס אין פערנוואַלד, מינכען, גאַבערזע און לייפהיים.

= די רעגיאָנעלע היסטאָרישע קאָמיסיע אין באַמבערג, אונטער דער פירונג פון ב. אָרענשטיין איז באַזונדערש אַקטיוו. צווישן אַנדערע איז די באַמבערגער געלונגען צו אַרויסבאַקומען די אַרכיוון פון געוו. 10 יידישע קהילות אין פראַנקן־געביט מיט אַן אומגעהייער ווערטפולן מאַטעריאַל. לויטן באַריכט פון דער רעגיאָנעלער קאָמיסיע האָבן זיי אָרגאַניזירט אָרטיקע היסטאָרישע קאָמיסיעס אין אַנסבאַך, באַמבערג, שטאָט־פירט, לאַגער־פירט.

גירנבערג, שוואַבאַך, סטריט און ווייסענבורג. די רעגיאָנעלע קאָמיסיע באַזיצט איך אַ זאַמלונג פון גבית־עדות, בילדער און נאַצי־דאָקומענטן.

= לעצטנס מערקט זיך אויך אַן אויפלעבונג אין דער רעגיאָנעלער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פראַנקפורט, אונטער דער ליטונג פון מ. אש. די קאָמיסיע האָט אויסגעפינען פיל נאַצי־דאָקומענטן בנוגע יידן. די דאָקומענטן ווערן קאָפּירט און אַריינגעשיקט אין דער צ. ה. ק. אין דעם ראַיאָן איז אויך טעטיק די היסטאָרישע קאָמיסיע אין ציילסהיים. פונוואַנעט די צ. ה. ק. באַקומט גאַנץ אָפט מאַטעריאַלן. לויטן באַריכט זיינען אין פראַנקפורטער רעגיאָן אָרגאַניזירט געוואָרן היסטאָרישע קאָמיסיעס אין פולדאַ, וויסבאַדען און באַד־זאַלצשליף.

= דער ליטער פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין גאַרמיש־פּאַרטענקירכען י. אייגער (וועלכער איז טעטיק אויך אין שטוטגאַרט אויף דעם געביט) האָט לעצטנס צוגעשטעלט דער צ. ה. ק. דאָקומענטן פון היינטיקן יידישן לעבן אין דייטשלאַנד. ער האָט אויך איבערגעגעבן דער קאָמיסיע אָפּשריפטן פון די גבית־עדות וועלכע ער האָט צונויפגעזאַמלט ביי ראַדאָמער לאַנדסלייט אויף צוצושטעלן די אַליאירטע, ווי באַשולדיקונגס־דאָקומענטן קעגן די נאַצי־רוצחים פון ראַדאָם, וועלכע די געוו. ראַדאָמער יידן האָבן אויסגעפינען אין געפאַנגען־לאַגערן.

= די היסטאָרישע קאָמיסיע אין לאַנדסבערג, מיט מ. ווייסבערג און סאַוויצקי בראש, האָט אַרויסבאַקומען פון דער דאָרטיקער שטאָט־פאַרוואַלטונג אַלע נאַצי־דאָקומענטן בנוגע יידן. צווישן דעם אויך דאָקומענטן מיט בילדער פון די אַמאָליקע יידישע לאַנדסבערגער תושבים. די קאָמיסיע האָט שוין אויפגענומען אַ געוויסע צאָל גבית־עדות און אַרבעט איצט ענערגיש ביים אויספילן דעם סטאַטיסטישן אַנקעטע־בויגן. עס דאַרף באַזונדערש באַטאָנט ווערן, אַז ביי דער דערמאָנטער היסטאָרישער קאָמיסיע איז טעטיק דער יונגטלעכער צבי הירש הרשאָוויטש, וועלכער איז ליידנשאַפטלעך איבערגעגעבן מיטן זאַמלען מאַטעריאַלן פון היינטיקן יידישן לאַגער־לעבן. פאַר אַ קורצער צייט האָט ער שוין באַוויזן צושטעלן אין צ. ה. ק. אַ שלל מאַטעריאַלן פון וויכטיקן באַדייט. אַזאַ פיין־קולטורעלע טעטיקייט זאָל דינען ווי אַ מוסטער און אָנרעגונג פאַר נאָך פיל יונגנטלעכע אין אונדזערע איבעריקע לאַגערן.

= די נאָר וואָס געגרינדעטע היסטאָרישע קאָמיסיע אין פערנוואַלד – אין צוזאַמענשטעל פון אינוש, גליזער, ביבער, אָפּטאַשינסקי, ליבסטאג, דאָקטער ב. ראָזענשטאָק, גרינפעלד, י. גוטמאַן, י. כץ און זלאָטיקאַמיען – האָט שוין באַוויזן דורך איר ליטער יעקב כץ איבערצוגעבן דער צ. ה. ק. פאַרשיידענע דאָקומענטן פון יידישן לאַגער־לעבן, אויסגעפילטע סטאַטיסטישע־בויגנס, 6 העפטן זכרונות פון יונה מענדל זייפערט (געשריבן אין די יאָרן 3־1942) און

גבית עדות פון מאיר רויטמאַן. בערל לאַקס. עלי ל׳פּנאָווסקאַ. חיים מאיר זאַלצבערג, שמעון בערקאָווסקי און יוסף פּישקין.

= אין דער לעצטער צייט זיינען אַקטיוו די היסטאָרישע קאָמיסיעס אין פּאָקינג (לייטער מאַרטין ראָזענפעלד) און ניי־פריימאַן (לייטער — נ. לעווענטאַל). די צ. ה. ק. באַקומט פון זיי אויספירלעכע גבית־עדות און אַנדערע דאָקומענטן.

מ. י. פ־ם.

# כראָניק

○ די צ.ה.ק. האָט באַקומען פון דער „ייוואָ"־צענטראַלע אין ניו־יאָרק פאָלגנדיקן בריוו:

„יעם 20־טן יוני, 1946.

היסטאָרישע קאָמיסיע ביים צענט. קאָמ. פון די באַפרייטע יידן אין בייערן.

ליבע פריינד, מיר האָבן באַקומען דורך פּ. ה. לייוויק די דריי העפטן אקטן פון דער נאַצי־צייט, איין העפט פלאַקאַטן פון לאָדזער געטאָ, איין העפט פאָטאָסטאַטן פון דער לאָדזער געטאָ־צייטונג (נמ. 1—16); 80 פאָטאָגראַפיעס. דעם פאָטאָסטאַט פון סידור און אַ העפט דאָקומענטן פון איצטיקן פּוילן.

אַ האַרציקן דאַנק אייך, טייערע פריינד. פאַר אייער וויכטיקן צושטייער צו אונדזער אַרכיוו. די נאָענטסטע טעג וועלן מיר אייך שרייבן אַ גענויערן פּלאַן וועגן אונדזער צוזאַמענאַרבעט, אָבער מיר ווילן ניט אָפּלייגן אונדזער האַרציק דאַנק אייך פאַר דער מתנה, וואָס איר האָט אונדז געשיקט דורכן דיכטער ה. לייוויק און ביי דער געלעגנהייט אייך נאָך אַמאָל זאָגן. אַז איר טוט גאָר אַ וויכטיקע און גרויסע אַרבעט.

מיט פריינדלעכע גרוסן /—/ מ. ווײַנרייך, וויסנשאַפטלעכער דירעקטאָר.

○ טשאַפּלעין אַברהם י. קלויזנער האָט לעצטנס פאַרלאָזט מינכען.

דער נאָמען קלויזנער איז באַזונדערש פּאָפּולער צווישן דער שארית־הפליטה. ער איז נאָך געווען צווישן די ערשטע אַמעריקאַנער יידישע מיליטער־לייט. וועלכע האָבן באַפרייט די געפּייניקטע פון קאַצעט דאַכאַו. מיט דער גרעסטער התלהבות האָט ער זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פאַר דער שארית־הפליטה. האָט אומדערמידלעך מיטגעהאָלפן אין ברענגען הילף די פאַרשמאַכטע און האַלב־טויטע מענטשן. זיי געזעלשאַפטלעך אָרגאַניזירט און שפּעטער אויך גענומען דעם גרעסטן אָנטייל אין אַוועקשטעלן די אַרבעט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין דער גאַנצער אַמעריקאַנער

זאָגע. ער איז אויך געווען דער ייד־שער אוטאָריטעט און שליח ציבור פאַר דער מיליטער־רעגירונג. טשאַפּלעין קלויזנער האָט אויך דער ערשטער אַרויס־געלאָזט אין 5 ביכער מ״מ זיינע אַריינפיר־ווערטער די רשימה פון דער שארית־הפליטה. אין אָנערקענונג פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער שארית־הפליטה האָט אים בשעתו דער צ.ק. אויסגעקליבן אַלס זיין ערן־פאָרזיצער.

ראַבאַי אַברהם י. קלויזנער האָט אויך נישט ווייניק מיטגעווירקט אין דער אַרבעט פון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע און אין זיין פּערזאָן האָבן מיר שטענדיק געהאַט אַ העכסט־איבערגעגעבענעם פריינד און מיטאַרבעטער.

○ די צ.ה.ק. האָט באַזוכט דער פּראָפעסאָר פון דעם ירושלימער אוני־ווערזיטעט גרשון שלום און האָט זיך דאָ באַקאַנט מיט דער גאַנצער טעטיקייט, אַרויסווייזנדיק גרויס אינטערעס און אָנערקענונג פאַר דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט.

○ אין פאַרלאַג פון דער „יידישער רונדשאַו", מאַרבורג, איז אונטער דער רעדאַקציע פון ישראל בלומענפעלד דערשינען אַ פּסח בוך אין דער דייטשער שפּראַך. אין בוך זיינען אָפּגעדרוקט אייניקע אָריגינעלע און אינטע־רעסאַנטע אַרטיקלען פון די שארית־הפליטה־פּראָבלעמען אין ליכט פון דעם אַמאָליקן יציאת מצרים פּראָצעס. עס זיינען אויך דאָ איבערזעצונגען פון העברעאישע און יידישע קלאַסישע שאַפונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט יידישן פּסח. אויך היינריך היינעס „דער רבי פון באַכעראַך" איז דאָ געגעבן. דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַ ריי אַלטערטימלעכע צייכענונגען און איז בכלל זייער געשמאַקפול אַרויסגעגעבן.

○ די היסטאָרישע קאָמיסיעס אין פּוילן האָבן ביז איצט פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע אַרבעט: צענטר. היסטאָרישע קאָמיסיע, לאָדזש:

1. אינסטרוקציעס פאַר זאַמלען היסטאָרישע מאַטעריאַלן אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע. 2. אינסטרוקציעס פאַר זאַמלער פון עטנאָגראַפישע מאַטעריאַלן אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע. 3. אינסטרוקציעס פאַר אויספאָרשן די יידישע קינדער אין דער צייט פון דער דייטשער אָקו־פּאַציע. 4. „דער חורבן פון די יידן אין לעמבערג" — דר. פ. פרידמאַן. 5. „די טויטן־בריגאַדע" — ל. וועליטשקער. 6. „דאָקומענטן און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון די יידן אין פּוילן אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע. באַנד I לאַגערן". באַאַרבעט דורך מגר. בלומענטאַל. 7. בילדער אַלבאָם: „דער חורבן פון פּוילישן יידנטום". 8. מעטאָדאָלאָגישע אָנווייזונגען צום אויספאָרשן דעם חורבן פון פּוילישן יידנטום. 9. „געטאָ־לידער" — ש. שאַיעוויטש. די לעצטע צוויי אויסגאַבעס זיינען דערשינען אין דער יידישער שפּראַך, די איבעריקע — אין פּויליש.

די קראַקאָווער אָפּטיילונג: 1. „דאָקומענטן וועגן פאַרברעכן און מאַר־טירערטום". 2. „יוסטינעס טאָגבוך" — יוסטינע דרענגער. 3. „אוניווערזיטעט פאַר תליונים" — מיכאַל באָרוויטש. 4. „ליטעראַטור אין לאַגער" — מיכאַל

באָרוויטש. 5. „בײַ לזשעץ" — רודאָלף רעדער. 6. „פסח" (דראַמע) — סטעפאַן אַטווינאָווסקי. 7. „מאָנאָגראַפּיע פון די יידן אין קראָקע בשעת דער אָקופּאַציע". 8. „געטאָ־לידער" — מ. געבירטיג. די לעצטע אַרבעט איז דערשינען אין יידיש די אַלע אַנדערע — אין פּויליש.

די ביאַליסטאָקער אָפּטיילונג: „קאַמף און אומקום פון ביאַליסטאָקער געטאָ" — דר. שמעון דאַטנער.

די קאַטאָוויצער אָפּטיילונג: אַ קאַרטע פון די לאַגערן אין שלעזיען.

○ די פּוילישע מלוכהשע קאָמיסיע צום אויספאָרשן פאַרברעכנס פון די נאַציס האָט פאַרעפנטלעכט אַ בוך: „ביולעטין פון דער הויפּט־קאָמיסיע צו פאָרשן די דייטשע פאַרברעכנס אין פּוילן". ווו ס'ווערן געבראַכט פיל מאַטעריאַלן וועגן די נאַצי־רציחות איבער יידן אין פּוילן. אין בוך געפינט זיך אויך אַ גרעסערע אַרבעט וועגן חורבן פון פּוילישן יידנטום פון דר. פרידמאַן — דירעקטאָר פון דער צענטר. היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן.

○ דער אַוע־פאַרבאַנד פאַר ז־זשענעווע האָט אַרויסגעגעבן אַ בראָשור: „קאַמף פאַרן געזונט אין געטאָ ווילנע" פון דר. מאַרק דוואָרזשעצקי. דאָס פאָרוואָרט איז געשריבן פון באַקאַנטן פּראָפ. ל. הערש. די בראָשור איז פאַרזען מיט סטאַטיסטישע טאַבעלן און דיאַגראַמעס.

○ דער מחבר פון בוך **„Geopfertes Volk"** מ. בערשטיין. שטוטגאַרט האָט דער צ. ה. ק. איבערגעגעבן אייניקע עקזעמפּלאַרן פון דערמאָנטן בוך אין דער דייטשער שפּראַך. וואָס איז אַן איבערזעצונג פון דעם פריער דערשינענעם בוך אין פּויליש „אָפּאַרי נ'קטשעמנאָשטש". די אַרבעט שטיצט זיך אויף אייגענע איבערלעבונגען און אויף אַ ריי גבית־עדות איבערן יידישן לעבן אין אַ ריי געטאָס און קאַצעטן.

○ פרוי בעטי סעגאַל. מינכען, האָט דער קאָמיסיע איבערגעגעבן אַ זאַמלונג לידער פון וועלכע פיל זיינען געזונגען געוואָרן אין ווילנער געטאָ־טעאַטער.

○ וויכטיקע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועגן ווילנער געטאָ האָט צ.ה.ק. איבערגעגעבן די לערערין גוטע מילער, מינכען.

○ אברהם ווייסבאַרד פון ניי־פרייטמאַן אַרבעט איבער אַ גרעסערע מאָנאָגראַפיע איבערן גאַליציאַנער שטעטל סקאַלאַט און די אָנגעשריבענע קאַפּיטלען ווערן דער צ.ה.ק. איבערגעגעבן דורך דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין ניי־פרייטמאַן.

○ דער פאַרבאַנד פון די קיעלצער יידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע

האָט אַרויסגעגעבן זיין ערשטן ביולעטין אין יידיש, מיט לאַטיינישע אותיות. (אָרט און דאַטע ניט אָנגעגעבן).

○ דער לאַנדראַט פון קרייז קעהל (פראַנצ. זאָנע) האָט דער קאָמיסיע צוגעשיקט אַן אָפּשריפט פון אַ גבית־עדות פון דייטשן ייד פּאול וואָל פון ניו־יאָרק, צוגעשיקט צום מיליטערישן טריבונאַל אין שטראַסבורג, אין וועלכער ער באַשרייבט אויספירלעך דעם פּאָגראָם אין ריינבישאָפסהיים.

○ פרוי אַשער, דייטש־אַריערין פון יידישן גלויבן, האָט אַ בערגעגעבן דער קאָמיסיע אַ ריי פאָטאָגראַפיעס פון דער צעשטערונג פון דער מינכענער סינאַגאָגע.

○ יוסף זוסמאַן, לאַנדסבערג, האָט דער קאָמיסיע איבערגעגעבן 5 בילדער פון וואַרשעווער געטאָ.

○ געטאָ־לידער פאַר דער זאַמלונג פון פאַטעפאָן־פּליטן ביים אַרכיוו פון צ.ה.ק. האָט אַרייַנגעזונגען פרל. פעלץ.

○ דער דייטש פריץ האָעפּס, נוסראָרף, געוו. טרופּפירער פון אָרג. „טאָדט", האָט איבערגעגעבן אין דער צ.ה.ק. אַ ריי קלישעס פון אַן „אויסזידלונגס־אַקציע" אין שעדלעץ (פוילן), ביי וועלכע ער איז בייגעווען און אויפגענומען בילדער.

○ דוד פלאַמענבוים, דאַכאַו, האָט איבערגעגעבן דער קאָמיסיע אייניקע נאַצי־דאָקומענטן אין שייכות מיט יידן. די דאָקומענטן האָט ער אַרויסבאַקומען פון די דאָרטיקע אַמטן.

○ עמיל בלום, פעלדאַפינג, האָט דער צ.ה.ק. איבערגעגעבן אַ גרעסערע אַרבעט אין אונגאַריש וועגן זיינע איבערלעבונגען אין לאַגער.

○ אין אָנהויב סעפּטעמבער ה.י. האָט איבערגענומען די לייטונג פון קולטור־ענינים ביים „דזשאינט" אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פּראָפעסאָר ד"ר. פיליפּ פרידמאַן, וועלכער האָט אָרגאַניזירט און געלייטעט די צענטראַלע היסטאָרישע קאָמיסיע אין פוילן, ווי אויך געווען טעטיק אַלס לעקטאָר פאַר יידישער־געשיכטע אויפן אוניווערזיטעט און לאָדזש.

(פ.)

צוליב דעם וואָס דער זשורנאַל דרוקט זיך אין אַ גאַנץ אַנדערן אין ניט נאָענטן אָרט פון מינכען וויז די רעדאַקציע געפינט זיך לאָזט זיך ניט ביים בעסטן ווילן אָפּהיטן די פולע פּינקטלעכקייט אין די טעקסטן.

מיר גיבן דאָ עטלעכע באַמערקטע פעלערן אין דעם נומער און בעטן די לייענער אַליין זיי צו פאַריכטן.

זייט 10, שורה 2, געדרוקט: אַז נאָך דער אויפדעקונג פון געווער־לאַגע־דאָ אין ריגע — דאַרף זיין: אַז נאָך דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און נאָך דער אויפדעקונג פון געווער־לאַגער דאָ אין ריגע.

זייט 60, שורה 9 געדרוקט: ענגלישע מלחמה ־ פונקטן – דאַרף זיין: ענגלישע מלחמה־פונטן.

זייט 66, שורה 10 פון אונטן, געדרוקט: ראשי מבות — דאַרף זיין: ראשי תבות.

זייט 72, שורה 14 געדרוקט: (מארפערא)?.. יהידים — דאַרף זיין: (מארפערא)?... וואָס פראַוועגען זיי דאָרט די לאַנגע הכנות צום קריעת ים סוף (פאַרוואָס פאַרציען די אַליאירטע זייער אינוואַזיע אין מערב ־ אייראָפּע)?, אָבער יבוא יום, און מאַקע גאָר בקרוב!... יהודים.

זייט 15 אין אָנהויב אַרטיקל וועגן משענסטאָכאָווער געטאָ איז פון מחבר אָנגעגעבן, אַז די ערשטע „אויסזידלונג“ איז דאָרט פאָרגעקומען יום כיפור תש״ב (1.10.41). ווי אייניקע משענסטאָכאָווער יידן גיבן אונדז לעצטנס אָן זאָל די „אויסזידלונג“ האָבן פאָרגעקומען אויף מאָרגן נאָך יום כיפור תש״ג (22.9.42).

זייט 35, צום אַרטיקל „אַרבעטס ־ לאַגער מיעלעץ“. די אַרבעט איז צוגעשטעלט דורך דער היסטאָרישער קאָמיסיע איז פירשענריים.

# From the last extermination

Periodical for the History of Jewish People during the Nazi Regime.

Editor: ISRAEL KAPLAN.

Contents


1. Guns in the Ghetto of Riga — I. Kaplan
2. Life and death of Dubno Ghetto — M. Weisberg
3. Crying graves — A. Weisbrod
4. Labour camp at Mielec (reports of witnesses) — I. Kohs
5. Nazi word of honour — Dr. M. Schatner
6. At the Ghetto of Czestochowa (pages) — W. Gliksman
7. Jewish Folklore during the Nazi Time — I. Kaplan
8. Let us keep silent (Being sung in camp)
9. Dwellings of Ghetto (Being sung in Ghetto)
10. Two Nazi Documents (with explanations)
11. Pictures out of the Nazi Period
12. List of Articles concerning Jewish Life during the Nazi Regime in the Press of SHARIT-HAPLATAH
13. Activity Report
14. Chronicle



Published by the Central Historical Commission at the Central Committee of Liberated Jews in the American Zone of Occupation in Germany, Munich, Siebertstr. 3.

Vol. I. No. 2 — Munich, September 1946.



MARTYRS MEMORIAL AND
MUSEUM OF THE HOLOCAUST
6505 WILSHIRE BLVD. (852-1234)
LOS ANGELES, CA 90048

איבערדרוקן, אויך טיילווייז, שטרענג פאַרבאָטן.

*Published and copiright by Central Committee of librated Jews in Bavaria (U. S. Zone)*

געדרוקט אין גראַפישן קונסטאַנשטאַלט
יאָז. צ. הובער
דיעסען אַם אַמערזע בייערן.

RG-02.11